STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04094

FUN MAYNE TEG

S. Nepom

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. נעפּאָם

פון מיינע טעג

גנעקליבענע לידער פון ש. נעפּאָמס
ליטעראַרישער ירושה

מיט אַ פאָרוואָרט פון קלמן מרמר

ארויסגעגעבן פון ש. נעפּאָם קאָמיטעט

ברענטש 2 לייבאָר ליג

„איקוף“, טאָראָנטאָ

קולטור קאָמיטעט לייבאָר ליג

•

טאָראָנטאָ, 1940

•

MY DAYS

By S. NEPOM

PRINTED BY

SUPREME PRINTING COMPANY

260 SPADINA AVENUE :-: TORONTO, CANADA

5

פאָרוואָרט

•

אין זיין ליד „אין דיינע הענט" דריקט אויס ש. נעפּאָם זיין צווייפעל, אויב „דערציילן ווער וועט, אז אמאָל געלעבט א דיכטער האָט דאָ איינער". אין זיין באַשיידנקייט איז אים ניט ארויף אפן געדאַנק, אז „מיט ווערטער צערטלעכע און ריינע" וועלן עס טאָן זיינע אייגענע לידער.

ש. נעפּאָם האָט געשאַפן זיינע לידער „אין געראַנגל" און „אין פּענטעס", ווי ער האָט זיי אָנגערופן אין די צוויי זאמלונגען, וואָס זיינען דערשינען בײַ זיין לעבן. ער האָט זיי געשאפן אין געראנגל צווישן ליכטיקע חלומות און טונקעלער ווירקלעכקייט; אין פּענטעס פון שווערער ארבעט און זאָרגן פארן מאָרגן. ניט אַלע זיינע לידער זיינען נעפּאָמ'ען געלונגען. געווען מאָמענטן, ווען זיין „כישוף-וועלט" באַהאַלטען אין די „העלע פלאמען" פון זיין נשמה, האָט זיך ניט געלאָזט אויסשמידן אין ווערטער און קלאנגען. תמיד אָבער איז ער געווען אויפריכטיק און באַזעלט פון הויכע שטרעבונגען.

אין זיין ערשטן פּעריאָד איז ער געווען באַרוישט פון דער נאַטור'ס פארבן-רייכקייט: פעלד-גרין, הימל-בלוי, זון-רויט, לבנה-ווייס. זיין מוזע האָט זיך געבאָדן אין גאָלדענע זונען-שטראלן און זיך געוויגט אף שיפלעך מיט „זילבערנע זעגלען". אין זיין צווייטן פּעריאָד אָבער איז ער באַוואוסטזיניק געוואָרן פון זיין אייגנטלעכער קראפט:

„ווערטער גאַנץ פשוט געזאָגט און געמיינט;
דער קינסטלער זיצט טיף אין זיין כישוף באַהאַלטן
און צייכנט די שורות און בלוטעט און וויינט".
(מיין האַרץ איז א בוך")

נעפּאָמ'ס ליד האָט געוויינלעך בלויז איין ריטם (דער אויסלאָזגראַם). אין אָט דער איינפאכער פאָרם באַווייזט שמעון נעפּאָם צו באַוועגן הערצער מער ווי געוויסע פּעאיקע טעכניקער, וואָס קאָנען מאַכן לידער אין אלע ריטמען, נאָר ניט ארייַנגעבן אין זיי קיין נשמה, דאָס האַרץ וואָס „פילט ווי א האַרץ"...

צאַרט, טרוימעריש, ליריש האָט נעפּאָם זיינע שעה'ן „אויסגעבענקט" און זיי „אוועקגעשענקט". ער האָט געצייכנט מיט א פעדער געטונקט אין אייגענעם בלוט; „אָפט ניט אָפּגעהיט — מענטשן רופן דאָס א ליד" („זע, פארלאַנג פון מיר ניט פיל").

א פּראָלעטאריער, באַזעלט פון רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן, איז שמעון נעפּאָם געווען טעטיק מיט זיין ליד אף אלע פראָנטן פון קלאַסנקאַמף. דאָס עכט נעפּאָמישע ליד האָט געקלונגען באַשיידן, שטיל, צאַרט, אפילו ווען ס'האָט גערופן צום קריג. זיינע אינסטרומענטן

זיינען געווען פידל און פליִיט, ניט פּויק און טרומייטן. זיין לירישע אַרבעטער ליד דערמאָנט אָן מאָריס ראָזנפעלד'ס שאַפּ־לידער. ס'איז אָבער נעפּאָמ'ס אייגנס. ער זינגט פון דער טיפעניש פון זיין אייגענעם לעבן, אַלס קאַר־קאָנדוקטאָר:

„עס פליִען וואַגאָנען מיט מענטשן געפּאַקט;
איך שטיי אין וואַגאָן אויטאָמאַטיש פאַרקלעמט —
די לעמפּלעך — זיי בלענדן אַראָפּ אויף די קעפּ.
איך רוף אויס די סטאַנציעס מיט אַ געזאַנג.
עס זיצן דאָ מענטשן פאַרטיפט און פאַרקלעמט;
זיי האָבן ווי איך דאָ פאַרקויפט דאָס געביין
און האָבן באַגראָבן די טעג און די נעכט"
(„טראַמוויי")

אויף זיין טראַמוויי פירט נעפּאָם פאַרשלאָפענע מענטשן מיט „פּנים'ער בלאַסע"... „מיידלעך פאַרגרויט, פרויען פון נויט"... „צום שאַפּ, צו פאַבריק, צום מאַרק, צו דער בריק". ער פירט „די מאַסן צו די שעפער אַלע טאָג" — „און עס וויינט אין האַרצן אַזאַ קלאָג" — „פאַרשקלאַפט שוין אַכצן קיילעכדיקע יאָר, אַלע טאָג מיט פּלאָנטערניש און שרעק".

„אַזוי פיל צער און עקסידענטן,
אַזוי פיל קריג מיט בראַנד און האַס —
אַלץ פאַר דעם זאַטן און דעם פעטן
און פאַרזאָרגטן רייכן באַלעבאַס".
(„דוורד די גאַסן")

אָט אַזוי האָט דער דיכטער־קאָנדוקטאָר, ש. נעפּאָם, אויף זיין רוטינעם וועג, צענדליקער יאָרן פילאָסאָפירט פאָלקסטימלעך איבער פרייד און ליידן, לעבן און טויט, פאַרלאָרענע טעג און ניט־דערפילטע האָפענונגען. און קומענדיק אַהיים מיד פון דער אַרבעט האָט ער מיט דער זעלביקער אים אייגנטימלעכער פּשוט'קייט געמאָלן זיינע בילדער פון עלנט און נויט און געזונגען זיינע ניגונים פון פרייהייט און דערלייזונג.

געווען אויך מאָמענטן, ווען ש. נעפּאָמ'ס אַרבעטס־טאָג האָט אים פאַרשאַפט פרייד אָנשטאָט צער. אָנשטאָט צו קלאָגן האָט זיין האַרץ געקוואָלן פאַר נחת. דאָס איז געווען בעת פאָרויס פאַר זיין טראַמוויי איז אַ דעמאָנסטראַציע געגאַנגען „צעשפּרייט" —

„אַרבעטלאָזע הונגעריקע שפּאַנען,
רויטע פאָנען פלאַטערן מיט פרייד.

מיין טראַמוויי, ער גליטשט זיך אויף די רעלסן.
דער טאָג איז אָנגעזאַפּט מיט פראָסט.
מיין האַרץ זינגט די פרייהייטס לידער —
די זון האָט פלאַמיק זיך צעלאָזט".
(דאָרט)

ניט גערן האָט ש. נעפּאָם געזונגען פון נויט און טרערן. ער האָט געבעטן זיין האַרץ אים ניט צו זינגען פון „אַ וועלט פון האַס און צאָרן", וואָס איז אים „דערווידער" צו הערן. ער האָט געוואָלט זיין

האַרץ זאָל אים זינגען פון אַ נייער וועלט, „יעדער באַ זיין סערפּ און רידל“. ער האָט זיך געקוויקט מיט דעם „בלויען לויטער“ פון פרימאָרגען, אין וועלכן ער האָט געזען אין „איבערשאַף פון נעכטן, אַ זעאונג פון אַ מאָלער, אַ נייע וועלט באַשאַפן, אַ נייע וועלט באַשאַפן — די נעכטיקע צעשטערט“. אין אַזאַ צושטאַנד איז אים די גאַנצע ערד נאָענט, ליב און טייער. ער איז איר מוחל אַלע אירע „וואונדן“ אַבי זי זאָל אים געבן „פאַרזוכן די לויטערקייט פון רו“...

די פאַרוואונדעטע, פאַרשקלאַפטע ערד קאָן נאַטירלעך ניט געבן דעם אַרבעטער דיכטער די פאַרלאַנגטע „שעה פון רו“. פאַרגייט זיין לעבן „מיט גרויסן צער“ ווערט זיין וועלט — „אַ שווערער חלום; פון שענסטן חלום אָפּגענאַרט, געמאַכט מיט אַלעם שלום“. („פרידלעכע שעה'ן“). איז זיין „נאַכט געשפּונען פון טרויער“ און זיין „בעט איז פון מענטשלעכן צער“ („צו דיר“). זיין קאָנדוקטאָר־אַרבעט, דאָס זאַמלען „די ניקלס אַף גיך“, דאָס טיילן „די בילעטן צו הונדערטער הענט“ האָבן ש. נעפּאָם דעם דיכטער אָפט געמאַכט „פאַרגעסן אינגאַנצען“, ווי ראָזענפעלד'ס שאַפּ־אַרבעטער, זיין „אייגענעם איך“. זיין טרויער און זיין צער האָבן אָבער ניט אויפגעהערט.

„געבלוטיקט האָט עפּעס אין מיר אַזוי רויט,
אַ בענקשאַפט, אַ עלנט, פאַרגרויט אַזוי קיל.
אפשר געדאַנקען, אַ אַנזאָג פון טויט.
עס האָט דער קאָמפּרעסער געוויינט אין דער שטיל“.

ש. נעפּאָם האָט געליבט דאָס לעבן אַף דער ערד. זיין פּראָלעטארישער געפיל איז געווען באַגלייט פונעם רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין. ער האָט געוואוסט, אַז אין מענטשלעכן עלנט איז שולדיק ניט די ערד, נאָר די וואָס באַרויבן אירע מענטשן ־ קינדער פון די פרוכט פון זייער אַרבעט. ער האָט געזען, אַז די וועלט איז „אַזוי שיין, אַזוי גרויס“, נאָר זי קומט אום דורך די, וואָס „פאַרוויסטן פון לעבן די טעג מיט אַ וויסטער פאַרשאָלטענער האַנט“. פאַר זיינע אויגן האָבן געשוועבט בילדער פון „פעלדער מיט זאַנגען פאַרפולט“ — „שייערס און שפּייכלערס מיט ווייץ“ — „שטעט מיט מאַשינען פאַרגרייט“ — „קראָמען מיט קליידער און שיך“, און דערביי „גייען מענטשן פאַרהונגערט אַרום“. דאָס אַליין האָט שטאַרק ווי געטאָן. באַזונדערס אָבער האָט דאָס פּראָלעטאַרישע דיכטער־האַרץ געקראַמפּט אין זיין פּיין באַם אָנבליק פון דאָס בילד פון הונגעריקע, נאַקעטע, באָרוועסע בלינדע „וואָס קושן די רויבערישע בלוטיקע האַנט“. („די פאַרבלוטיקטע האַנט“).

נאָך טיפער איז געוואָרן דעם דיכטער'ס טרויער און צער, ווען „אין מיטן שווארצן ים — — — פון בלוט, נקמה און האַס“ האָט זיך די ערד אָנגעהויבן וואַקלען פון „נאַצישע בלוטיק משוגעת“ און „היטלער'ס גאָט, פון בלוט באַטרונקען, האָט זיך געלאָזט אין ווילדן טאַנץ“ („דאָס בלוטיקע משוגעת“).

זיין דיכטונג האָט ש. נעפּאָם'ען געבראַכט ניט נאָר טרויער און

צער. גאָר אָפּט האָט זי אויסגעפּילט זיין לעבן מיט אזוינע גייסטיקע פריידן, וואָס ניט יעדן איז באשערט. און אָנדייט אף דעם גיט ער אין זיין ליד „דיכטונג”:

„צערינט די שיינקייט פון מיין זעל
אף האַרטן פעלז פון גרויער וואַר.
דער רעגנבויגן פארבט זיך העל
און גריננער מיר מיין לעבנס־יאר”.

און דאָס איז געשען ניט נאָר אין זיין פערזענלעכן לעבן, אלס יחיד, וואָס נאָך א טאָג ארבעט געפינט ער א באפרידיקונג אין שרייבן לידער.

ש. נעפּאָס איז, אזוי ווי די פּיאָנערן פונעם ארבעטער־ליד, קיינ־מאָל ניט אריינגעפאלן אין תהום פון יאוש. באַם אָנבליק פונעם חורבן האָבן געשוועבט פאר זיינע אויגן בילדער פון דערלייזונג. פאר אים איז געווען קלאָר, אז עס „רוישן און קלאָגן מאשינען” בלויז דעמאָלט, ווען דער מענטש ארבעט אף זיי אָן א זינען, אלס א שקלאף פאר א באָס. ווערט דער מענטש פריי: „רוישן שוין פריידיק מאשינען — די ארבעט באַקומט שוין א זינען”. ש. נעפּאָס איז אויך געווען זיכער, אז דאָ וואו פעלקער לעבן אין פרידן, מוז זיין גוט אויך פאר די אידן, און פאר זיינע אויגן איז תמיד געשטאַנען דאָס בילד פון א נייעם „אידן־לאַנד” — „ערד גענוג איז דאָרט פאראן אין דעם לאנד ביראָ־בידזשאַן”.

קלמן מרמר

ניו יאָרק, אפּריל 30, 1940.

אינהאלט

•

1. טראמוואי לידער

2. ווייסער שניי

3. ניי לעבן

4. שטילער טרויער

5. לידער פון ארבעט

6. זעאונגען

„אין גערּאנגל״ *)

●

פון א. ניסנעוויטש

●

באַם ראַנד פון דיין גסיסה־בעט
האָב איך געהערט דיין לעצטן לעבנס־ברום;
געזען, ווי אין גערּאנגל האָט
געקראַמפט דיין גוף, ווען טויט געזאָגט האָט: קום!

דיין פּנים שאָטנדיק, ווי זון באַם אונטערגיין,
געצאַנקט האָט, ווי עס צאַנקט דיין יעדעס גליד;
דיין האַרץ יסורים׳דיק האָט אויסגעקלאַפּט
דעם לעצטן אַקאָרד, דיין לעצטע, לעצטע ליד...

מיר שטיקט אין האַלז פאַרגליווערטער געוויין,
א דיכטער׳ס ליוטערקייט דאָ ווערט פון טויט פאַרשעמט,
און איך — קאָן גאָרניט, גאָרניט העלפן אים!
מיין האַרץ בלויז הילפלאָז איז פאַרקלעמט...

אָ, דיכטער־פריינט! פון ערשטן ליד־גערּאנגל אָן
האָסטו דער וועלט דיין טרוים פאַרטרויט;
און אין גערּאנגל פון דיין לעצטער שעה —
דיין גייסט האָט ניט באַזיגט דער טויט!

עס וועט דיין ליד ניט בלייבן שטום;
און לעבן וועט דיין שטימונגספול געזאַנג.
דיין ליד פון קאַמף, פון צאָרן און פון מוט,
ווי עכאָ פון דיין גייסט נאָך וועט וויברירן לאַנג.

טאָראָנטאָ, יוני 20, 1939.

---

*) „אין גערּאנגל״ איז דער נאָמען פון ש. נעפּאָמ׳ס ערשטע זאַמלונג לידער. דאָס דאָזיקע ליד איז אָנגעשריבן געוואָרן אין טאָג פון ש. נעפּאָמ׳ס טויט.

I.

טראַמוואַי לידער

אין טראַמוואַי

עס קלאפּן די רעדער באַטאָג און באַנאַכט
אַף גלאנציקע רעלסן, אַף וועגן פון שטאָל.
עס פליען וואגאָנען מיט מענטשן געפּאקט,
דורך גאסן, דורך סקווערן, אַף בריקן צום טאָל.

איך שטיי אין וואגאָן אויטאָמאַטיש פארקלעמט —
די שויבן מיט ציטער, דער גלאָק מיט זיין קלאנג.
די לעמפּלעך — זיי בלענדן אראָפּ אַף די קעפּ.
איך רוף אויס די סטאנציעס מיט א געזאנג.

איך רוף אויס די סטאַנציעס, דאָך נאָגט א געוויין —
עס זיצן דאָ מענטשן פארטיפט און פארקלערט
זיי האָבן ווי איך דאָ פארקויפט דאָס געביין
און האָבן באַגראָבן די טעג און די נעכט.

א קלאנג ציטערט אויף און צעטרייסלט די לופט
ס'האָט פּלוצים פון טרויער א שטורעם דערוואכט —
דער טראמוואי — ער סאפּעט, דער מאָטאָרמאַן קלינגט,
אָט־פּונקט ווי מיר וואָלטן געפירט דאָ א שלאכט.

א שלאכט מיט דעם שונא וואָס האָט אונז פארמאכט,
פארמאכט אין א שטייג אפן פינצטערן וועג
מיר ווילן צעברעכן דעם יאָך! — און איך טראכט:
עס קלינגען די גלעקער אַף גליקלעכע טעג.

דורך די גאַסן

אַז איך לויף דורך גאַסן אויף טראַמווייען,
— פֿיר די מאַסן צו די שעפּער אַלע טאָג
ווילן גלעקער אונז פאַרשרייען,
און עס וויינט אין האַרצן אַזאַ קלאָג.

מיין מאָטאָרמאַן, ער רעכנט די סעקונדן,
— פֿירט אַ שלאַכט און שניידט זיך דורך אַ וועג
און איך בין אָט פֿאַרשקלאַפּט שוין אַכצן קיילעכדיקע יאָר,
אַלע טאָג מיט פּלאַטערניש און שרעק.

אַזוי פֿיל צער און עקסידענטן,
— אַזאַ קריג מיט בראַנד און האַס
אַלץ פֿאַר אים דעם זאַטן און דעם פֿעטן
און פֿאַרזאָרגטן רייכן באַלעבאָס.

טומט אַ הויב זיך ווען אַזאַ מין שׂמחה,
— אַ דעמאָנסטראַציע גייט פֿאָרויס צעשפּרייט
אַרבעטלאָזע הונגעריקע שפּאַנען,
רויטע פֿאָנען פּלאַטערן מיט פֿרייד.

מיין טראַמוויי, ער גליטשט זיך אויף די רעלסן.
דער טאָג איז אָנגעזאַפּט מיט פֿראָסט.
— מיין האַרץ, עס זינגט די פֿרייהייט לידער
די זון האָט פֿלאַמיק זיך צעלאָזט.

דער „פּאָנטש-זייגער"

ארויס און אריין,
אריין און ארויס —
עס פליען ווי פויגל אין טראַם פּאַסאַזשירן.
דער מאָטאָרמאַן קלינגט,
דער מאָטאָר, ער קרעכצט —
מען טאָר דאָך קיין צייט ניט פאַרלירן.

ארויף און אראָפּ,
אראָפּ און ארויף
מיט פּעקלעך, פאַרשלאָפן די פּנים'ער בלאַסע.
צום שאַפּ, צו פאַבריק,
צום מאַרק, צו דער בריק —
מען יאָגט ווי פאַר'סמ'טע דורך געסלעך און גאַסן.

מיידלעך פאַרגרויט,
פרויען פון נויט,
די אויגן פאַר'חלש'טע גלאַנצן.
אריין און ארויס,
ארויס און אריין —
עס וועט דאָך דער זייגער אליין זיך ניט „פּאָנטשן".

פארגעסענע וועלטן

הײנט בין איך געלאָפן אין ווילדן געאײל,
פארגעסן מײן לעבן, פארגעסן מײן וועלט.
דער רויש פון די רעדער, דער קלאנג פון טראמוויי
דורך גאסן, מיט שויבן צעשפּילט און צעהעלט.

די שטאָלענע וועגן אין שארפן געדרײ,
סקווערן, וואָקזאלן, ארויס און ארײן;
אן אימפּעט, א שטויסן, א ווילדער געשרײ,
א פלאמיקע שפּיל, וואָס שטײגט אויף און פארגײט.

הײנט האָב איך געזאמלט די ניקלס אף גיך,
געטײלט די בילעטן צו הונדערטער הענט,
פארגעסן אינגאנצן מײן אײגענעם איך,
געפלויגן פון פײער און אלײן זיך פאברענט.

עס האָבן זיך רעדער אף בריקן געדרײט,
די פענצטער געפּײקלט צום רוישיקן טאנץ;
עס האָבן לאמטערנעם געוויגט מיט די קעפּ,
דעם חושך באַגאָסן מיט שטאָלענעם גלאנץ.

געבלוטיקט האָט עפּעס אין מיר אזוי רויט,
א בענקשאפט, אן עלנט, פארגרויט אזוי קיל.
אפשר געדאנקען, אן אָנזאָג פון טויט.
עס האָט דער קאָמפּרעסער געוויינט אין דער שטיל.

און מענטשן אין מענגעס, געקײטלט, געקניפּט,
זיך האָבן געצויגן אהין און צוריק.
טראמוויי איז געפלויגן, דעם חושך געזיפּט,
די פּאסאזשירן ווי קינדער געוויגט.

הײנט בין איך געפלויגן אין ווילדן געיעג —
איך ווײס ניט אלײן, צי פון אימפּעט, צי שרעק —
ביז נאכט האָט געשפּונען דאָס שווארצע געוועב
און האָט מײנע וואונדן די רויטע פארדעקט.

אַז מיין מאַמע

אז מיין מאַמע וועט מיך פרעגן:
קינד מיינס, וואו איז דיין פארמעגן?
וועל איך אָפּווישן די טרערן,
כ'וועל פארשטייפן מיינע ליפּן
און מיין האַלז וועט אזוי כריפּען.

וואָס וועל איך איר קענען ווייזן —
אף מיין מזל, הארט ווי אייזן?
אף מיין ענגן, גראָען חדר?
אף שיפלאָדן מיט פאפּירן?
אף מיין הארץ, וואָס עסט ווי זשאווער?
אף דעם אומעט פון די טירן?

און אז מיין מאַמע זאָל שוין קומען —
שטיינער האָב איך, ניט קיין בלומען;
כ'לויף אף אייזערנע טראמווייען —
דאָס איז מיין אָרעמער פארמעגן.
כ'האָב פארקויפט מיין לייב און לעבן,
ווייל מיין אומזין איבערשרייען.

טראַמוואַי־רעקלאַמעס

הענגען שרייענדיקע שילדן
אין טראַמוואַי אױף אַלע װענט —
מעיפּל־צוקער, העינץ־שפּאַגעטי,
ספּירמענט־גאַם און „קרים" פֿאַר הענט.

רופֿן באַנקען דאָלערס שפּאָרן,
פּעטענט־פּילן, אָרענדזש־זאַפֿט,
שיכלעך בלױז פֿאַר דאַמען־פֿיסלעך,
מעדיצין פֿאַר מענער ־קראַפֿט

פֿאָרד און קעדאַלאַק מאַשינען,
דימענט־רינגען, גרעט געפּרעסט,
זײגערס, בלומען, רעסטאָראַנען,
און אַ קאַסטן פֿאַר אַ מת.

לױף, טראַמװײ, אױף אַלע גאַסן.
נײן, קײן אױסװעג איז ניטאָ —
קאַלטער טױט קושט אַלע שױבן:
הײנט בין איך, און מאָרגן — דו.

צו דעם מאָטאָרמאַן

מאָטאָרמאַן, מאָטאָרמאַן,
קלינג דעם גלאָק, קלינג דעם גלאָק!
אויטאָס טאַנצן דיר אין וועג
דורך די נעכט און דורך די טעג.

היט דאָס ליכט, היט דאָס ליכט,
גרין איז לעבן, רויט איז טויט;
אין דיין היים די פרוי און קינד,
שטיל באַהאַלטן שרעקט די נויט.

דו מוזט זיין, דו מוזט גיין,
סאַי עס רעגנט, סאַי עס שנייט;
פּאַסאַזשירן יעדן טאָג
וואַרטן שוין אויף יעדן ראָג.

ס'האָט דער פראָסט, בייזער פראָסט,
אויף דיין טראַמוואַי זיך געלאָזט;
און דער רעלס איז שאַרף ווי גלאָז,
זע, דיין מאָטאָר ניט פאַרלאָז.

טראַמוואַי קרעכצט, די רעדער רוישן,
ס'איז דער גאַנג אין דיר געווענדט;
דער מזל פון די פּאַסאַזשירן ליגט
בלויז אין דיינע פעסטע הענט.

מאָטאָרמאַן, מאָטאָרמאַן,
קלינג דעם גלאָק, קלינג דעם גלאָק,
און מיט דיינע פעסטע הענט
זע, פאַרהיט אַן עקסידענט.

אין געפּאַקטן טראַמוואַי

דער פראָסט, ער ברענט,
און הענט מיט הענט
פארפלאָכטן אין טראַמוואַי.
דער רויש און קלאנג
צעגיסט זיך לאנג
און רייסט די לופט פארביי.

די אויגן פרעמד
אַף הענט און הענט
זיי קוקן קאַלט און ווייט.
די קאַר געפּאַקט,
אַף ווייסן טראַקט
דער פראָסט ער ברענט און שניידט.

א גרויסע וועלט,
זי לויפט צעהעלט,
געבונדן האַנט צו האַנט,
ווער ווייסט פון וואַן,
פון וועלכן שטאַם,
פון וועלכן פרעמדן לאנד?

צי צער, צי פרייד
זייט באַ זייט?
זאַטקייט, אָדער נויט?
דער פראָסט, ער ברענט,
די ווייטקייט בלענדט,
דער מערב — בלוטיק־רויט.

דער פראָסט, ער ברענט,
און הענט מיט הענט
פארבונדן אין געדרענג;
דער שטראַלן־גלאַנץ
האָט זיך צעטאַנצט
אַף דרעמלענדיקע בענק.

איך בין צוויי...

איך בין צוויי... אָ, פרעג מיך ניט, ניט פרעג —
אזוי פארלירן מיר די ניט־געציילטע טעג.
דער קאָנדוקטאָר העלפט מיר שטענדיק מיט,
דער דיכטער זינגט אין מיר דאָס ליד.

ניין, איך גלויב ניט, אז עס איז באַשערט —
יעדער מענטש מוז וויסן פון זיין ווערט.
ס'האָט דעם דיכטער גאָר ניט אויסגעמאכט,
דער קאָנדוקטאָר זאָרגט פאר יעדער זאך.

רעדער שפילן, דראָטן העלפן צו,
און פוןביידן האָב איך ניט קיין רו.
זינגט דער דיכטער שטענדיק זיין געזאנג
און ער פרעגט מיט טרערן מיך — ווי לאנג?

דער קאָנדוקטאָר, אין רעגן, צי אין פראָסט,
אין טראמוואי אויף אלע וועגן היט זיין פּאָסט.
איך בין צוויי — קאָנדוקטאָר, פון דעם לויפן בין שוין מיד,
און פּאָעט, וואָס שאַפט פאר אלעמען זיין ליד.

מאי 15, 1937

דער קאָנדוקטאָר

איך זיץ אין טראַמוואַי פון באַגינען,
איך זיץ אַזוי שפּעט אין דער נאַכט;
מיט מיר מיין באַהאַלטענער טרויער,
מיין שאָטן, ער שיצט און באַוואַכט.

פּאַסאַזשירן פאַרשווינדן און קומען;
דאָס לעבן איז ביטער און שווער.
דער שניי־שטורעם בייסט אין די רעלסן;
ווער ווייסט זייער לעבן אויף דר׳ערד?

די ווינטן, זיי לויפן און קלאָגן,
אין שנייען פאַרוויקלט דער וועג.
ווער ווייסט, אפשר פאָרן מיר אייניגעם
צום סוף פון די פיינלעכע טעג.

II.

ווייסער שנײ

צווישן הויכע בערג

ווייסע בערג, פארשנייטע,
בלויקייט שעמערירט,
קאַלטע ווינטער־הימלען,
אָוונטיקע ליכט.

רואיקייט און פרידן,
קיין שום זאך געשטערט,
בלויז פון אונטן רוישט זיך
אומרו אף דער ערד.

ווייסע בערג דערציילן
מעשיות בלוי־קרישטאָל,
וואכט אויף ווי א צויבער
דער זעלטענער אמאָל.

אָטעמט ווינט און שטורעם,
ברענען בלויע ליכט,
שפיצן — גרינער זילבער,
אוצרות — ניט באַרירט.

בענטשן בערג און זינגען,
קלאַנגען אזוי עכט.
אף די קלאָרע שנייען
בלוטיקט רויט די ערד.

פאַרטאָג, ווען אַלע גאַסן שלאָפן

שטיל און רואיק פאַלט דער שניי,
פאַלט און פאַלט אַזוי.
די לאַמטערנעס לייכטן נאָך.
רויט און זילבער־גרוי.

ערגעץ הערט זיך ניט קיין רויש,
זילבער־ווייס דער ראָג.
איך גיי גאַס־איין, איך גיי גאַס־אויס
אין גרויליקן פאַרטאָג.

די גאַסן זיינען גראַם און ברייט,
עס רירט זיך ניט קיין ראָד.
די ווינטלעך שלייפן אויס דעם גליטש,
דעם שניי־וועג מאַכן גלאַט.

בריליאַנטן כשופ'ן דאָס אויג,
אַף מזרח פלעקט זיך רויט.
עס שלאָפט די שטאָט איר בעסטן שלאָף,
ווען שפּראָץ־פאַרטאָג זיך גרויט.

בלויז איך, מיין שאָטן, שפּאַנען אום,
אונז קימערט ניט די וועלט.
די ברעקלעך קלייבן מיר דאָ אָפּ
פאַרטאָג אין גאָט'ס געצעלט.

ווינטן

ווינטן — זיי וויינען און לאכן
אין פינצטערע, ביטערע נעכט;
זיי טרייבן און יאָגן און שלאָגן,
און הויבן דעם שטויב פון דער ערד.

ווינטן — זיי זייען די שנייען,
מאַכן נאָך שטאַרקער די פרעסט;
ווינטן פאַרלעשן דאָס פייער,
וואָס צאַנקט אין אַן אָרעמער נעסט.

ווינטן — זיי זינגען און טאַנצן,
פאַרשפּרייטן די זריעה מיט פלאַם;
צעוויגן דעם אויפגאַנג פון זאַנגען,
צעררוישן דעם וואַלד און דעם יאַם.

ווינטן — זיי פליען און איילן
אויף ווילדע צעיושעטע פערד;
זיי הויבן מיין וועלט צו די הימלען
און שליידערן טיף זי צו דער ערד.

דער ווייסער שפּאַן

ווינטער. ווייסע בויגנס —
וואו דו זאָלסט ניט זיין.
ס'זיינען דורכגעפלויגן
ווייסע פערד אין שפּאַן.

שטורעמס רייסן קברים,
טרייסלען שויב און טיר.
ווער איז דאָ פאַרפאָרן
היינט פאַרטאָג צו מיר —

אָן א פּעלץ, און נאַקעט —
ערגעץ פון דער פרעמד?
וועמענס מויל צעפלאַקערט,
וועמענס פּאַקעל ברענט?

גיב אונז ברויט און ארבעט,
גיב אונז שיך, א קלייד —
דו ביסט דאָך דער מייסטער,
זינגסט פון יום־טוב פרייד...

לויף איך צו די שויבן —
קיינער איז פאַראן...
ס'זיינען דורכגעפלויגן
ווינטן צו דעם ים.

ווייסע טויערן

דורך ווייסע טויערן
גייען מיר באַשיידן.
ווינטער־וואָלקנס לויערן,
שטילע שטערןריידן.

דורך די ווייטן פֿאָכנדיק —
זילבערדיקע שנייען.
מענטשן ווערן וואָכעדיק,
קומען און פֿאַרגייען.

ווייסע וועלטן אומעטיק,
קראָען זיך פֿאַרזאַמלען.
שטיינער היטן שטומענדיק
דעם אייביקן בית־עלמין.

בלויז איין וועג אהינצו פֿירט,
צוריק ווערט ער פֿאַרשאָטן —
אַזאַ מין איינזאַמער שפּאַציר
אין ווינטערדיקן שאָטן.

אין גאָרטן

די ווייסע ליליעס צאַנקען אויס,
דער ערשטער שניי פאַלט ווייך אַראָפּ,
דער גאָרטן אין זיין ווייסן קלייד,
גירליאַנדעס צירן אויס זיין קאָפּ.

די פייגלען מיט אַ ווייך געבעט
פאַרלאָזן זייער וואַרעמע נעסט
און לאָזן זיך צו ווייטער וועלט,
ווי פרעמדע ניט־געוווּנטשטע געסט.

די לעצטע בלעטלעך פון אַקאַציע־בוים
טאַנצן שוין דעם טויטן־טאַנץ,
די זון בלויז פון באַהעלטעניש
טוט ווען־ניט־ווען אַ שאַרפן גלאַנץ.

אַ גרינער פלעק פון גראָז, ווי זייד,
באַהאַלט זיך אין דעם בערגל שניי,
דער גאָרטן ווערט, ווי זילבער, ווייס
און שטאַרבט באַהאַלטן מיט זיין וויי.

●

מ אָ ט י ו ו ן

ווייסע טריט ביז גרענעץ פון דעם טויער,
הענט געפלאָכטן טראָגן נאָך מיין טרויער,
קעפּ אַרונטער, טיף זיינען די ווייען,
בערג אַרויף, מיט שפּיצן ווייסע שנייען.

שטילער, שטילער, ווייסער קליינער שליטן,
די לבנה לייכטנדיק אינמיטן,
רויטע פלעקן אויף דעם וועג דעם קלאָרן,
גרויסע בענקשאַפט האָט דאָ ווער פאַרלאָרן.

ווייסע וועלדער, ליכטיקע פאַרטאָגן,
וועמען וועט דער שליטן נאָך דעריאָגן?
וויינען ביימער, קלאָגן ערגעץ קראָען,
ס'האָט אַ מענטש זיין לעבן דאָ פאַרלאָרן.

III.

ניי לעבן

די בויער

(געווידמעט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד)

עס קלינגען די זעגן, עס קלאַפּן די האַמערס,
פּנים'ער רויטע, די הענט אַזוי פלינק;
עס וואַקסן די גאַסן, די הייזער, די קאַמערס,
די אַרבעט איז הייליק, די אַרבעט — זי זינגט.

עס גלאַנצן די רעלסן, עס קלאַפּן די באַנען,
די מײַלן פאַרלויפן ביז קיין סוף איז ניטאָ;
די ריזיקע וועלדער, מיט בוימער־טיטאַנען.
מען האַמערט די בריקן באַנאַכט און פאַרטאָג.

עס יאָגן מאַשינען, עס רוישן פאַבריקן.
די אַרבעטער פריידיק באַם וואַרשטאַט, באַם ראָד;
און מינען די טיפע, מיט פלאַסטן די דיקע,
מען שמעלצט און מען עקבערט, מען שניידט און מען גראָבט.

אַ וואונדער אַ גרויסער — דאָס בויען דאָס הייסע.
עס פרעגט זיך: וואָס קלאַפּט מען דורך טעג און דורך נעכט?
עס ענטפערן עכאָס פון אַרבעט דער גרויסער:
— מען בויט דעם גן-עדן שוין דאָ אויף דער ערד!

ביראָבידזשאַן — מײַן נײַע הײם

נײַע הײם אױף הױכע בערג און גרינע טאָלן.
װיפֿיל הײמישקײט און פֿרײד אױף יעדן שפּאַן!
עס רױשט די באַן, די רעדער שטױסן מײַלן,
די טאַיגע שרײַט — צו ביראָבידזשאַן!

אױף הױכע בערג, פֿון גראָז און גרינעם מאַרמאָר,
אונטער רונדן הימעלשן געצעלט,
דער שמיד, דער סטאָליער — און װיפֿיל האָרעפּאַשנע
ליגן ציגל פֿאַר א נײַער װעלט.

גראָבט טיפֿער, די װאָפּנע און דעם קאַלך.
די מי אַלײן איז הײליק, שטאַרק און גרױס.
די ערד אַלײן האָט אָנגעגרײט פֿאַר זײ
דאָס גאָלד און שטאָל, װאָס דרעמלט אין איר שױס.

אױף די פֿעלדער ברײט צעװיגן זיך די זאַנגען,
דער טראַקטאָר־זשום, דאָס דרעשן פֿון מאַשין.
די פֿים מיט אײטערס ראָזעװע און שװערע,
דער גאָרטן האַלט אײַנמיטן פֿון זײַן בליען.

פֿון גאָר דער װעלט פֿאַרגאַפּטע אױגן בלענדן,
און יעדער װײסט — ס׳איז קײן כּשוף ניט פֿאַראַן.
קאָלכאָזן אידישע מיט שװערער האָרעװאַניע,
זײ בױען אױף דאָס לאַנד — ביראָבידזשאַן.

מיין היים ביראָבידזשאַן

ווען איך הער די וויטן קלינגען,
מיט אזוי פיל פרייד צעזינגען,
ווען די זון גייט אויף אין רינגען,
ווי א רויטער עראָפּלאַן —

נעמט די שווערמוט אזוי גרינגען,
טויזנט שטימען הער איך זינגען:
מיין לאנד — ביראָבידזשאַן.

זייער היימאַט הער איך בויען.
יאָ, איך קען זיי אָנפארטרויען
מיט דער זונען־שיין.
קאָמסאָמאָלן יונג און מוטיק,
גייט דער רויש פון ארבעט גלוטיק;
מיין לאנד — ביראָבידזשאַן.

אף די שפּיצן בערג, אין טאַיגעס,
פאלט אוועק די אלטע דאגות,
מיט דער שוואכקייט, מיט דער פיינהייט —
א יוגנט איז פאראן!

וואקסט א אידן־לאנד, צעבליט זיך.
פרישע כוחות, זע, עס רירט זיך,
פריי, פאר קיינעם ניט געהיט זיך
אין דעם לאנד — ביראָבידזשאַן.

אונטער די סאָוועטסקע פאָנען —
שווארצע, ווייסע, געלע, ברוינע —
ניטאָ קיין אונטערשייד.
אלעם בויט זיך דאָרט צוזאמען,
ערד געגוג איז דאָרט פאראנען
אין דעם לאנד — ביראָבידזשאַן.

ניי לעבן

נייער לעבן דורך די שפּאַרעס
מיט אַזוי פיל פרייד צעבליט.
ווי פון הונדערטער גיטאַרעס
זינגט דאָס אויפגעוואַכטע ליד.

טויזנט הענט מיט פעסטע פינגער
ס'נייע לעבן טרייבן אָן,
און די האָרעפּאַשנע זינגער
ציען מיך אריין אין קאָן.

ווער מיר בענקשאַפט, וואָס מיר טרויער?
כ'האָב פון אַלץ געמאַכט אַ תל.
שטייט צעעפנט טיר און טויער
ס'נייע לעבן אויף דער שוועל.

שניידט די טיפן, רייסט די הויכן,
אַנדערש איז דער גאַנצער פּלאַן;
יאָגן באַנען צו דערגרייכן
דאָס וואָס איז נאָך ניט פאַראַן.

און מיר אַלע — פלאַם און פייער,
מיט אַזוי פיל פרייד צעגליט.
יעדע רגע איז דאָ טייער,
יעדע רגע איז אַ זיג.

פון אַ ביראָ בילד

אין קינדערגאָרטן פון קאַלווירט,
באַם קלאָרן וואסער ווילד צערווישט,
האָט זיך די זון אזוי צעפלאמט
אף קינדער־קעפּלעך און אף זאמד.

די עבאָס קלינגען פון דעם וואלד,
א טשאטע פויגל קומען באלד.
די קינדער־לייבלעך אָפּגעברענט,
דער גאָרטן צווישן גרינע ווענט.

איז רוישיק שטענדיק באַם קאַלווירט —
די קינדער אין דעם זונען־ליכט.
פאלט פייערדיק דאָס קינדיש וואָרט
אף גרינעם גראָז און היימיש אָרט.

אין קינדערגאָרטן באַם קאַלווירט
וועט נייער לעבן אויפגעפירט.
עס וואקסט די שטאָט ארום, א קראַך —
אזא פארנעם די בירא־טייך.

עס לויפט די צייט אוועק געשווינד.
מיר דוכט אז איך בין אויך א קינד,
א קינד מיט אלע קינדער גלייך,
און כאַפּ א שווים אין בירא טייך.

אונזערע פלאַמיקע גרוסן

אַהין, צו די פעלדער פון בירּאָבידזשאַן
אונזערע פלאמיקע גרוסן —
אייך, מעכטיקע בויער,
מיט שוויים און מיט בלוט אין פּאבריק און אין וואלד
מיט אייזערנער גבורה אף אייביקן דויער.

אין הייזער, זאוואָדן און מילן באַם וועבן,
צערוישטע ווי כוואליעס באַ ים׳ישע ברעגעס.
עס טעסען די העק און עס קלינגען די זעגן;
די וייצן זיי זינגען, די גערטנער זיי שפּילן
אין גליאיקע רגע׳ס.

די גרוסן, ווי פלאמיקע פענער פון קאַמף,
וואָס פלאטערן צווישן די בערג־באַיאָנעטן,
זיי טראָגן אַן אָנזאָג פון קומענדע שלאכטן:
מיר זיינען מיט אייך, פּיאָנערן פון מי,
מיר וועלן באַשיצן די מאַכט פון סאָוועטן!

די גרוסן, ווי אָדלערס אין פליאיקן פּאָך,
וואָס טראָגן דאָס ארבעטער - גליק אף די פליגלען.
איר דאָרט און מיר דאָ אין אַ שטאָלענעם בונד
בויען מיט פרייד אַ ליכטיקע צוקונפט
אין בירּאָבידזשאַן דורך סאָוועטישע זיגן.

IV.

שטילער טרויער

שטילער טרויער

גרינע בערג, און בערגלעך מיט מצבות.
שטיל, מען הערט פון קיינעם ניט קיין וואָרט.
טאָג, מיט דורכזיכטיקע בלויע דינע שטראַלן,
גלעט די סטעזשקעס פון דעם הייליק אָרט.

בוים פון לעבן, שלאָפן דיינע בלעטער;
אומקום, שטורעמדיקע רגע'ס — אַלץ פאַרביי.
ווינטעלעך און שאָטנס שפּילן זיך אין זעמדלעך;
היט נאָך צו א גרעזל א קבר'ל געטריי.

אויסגעקושטע קרענץ פון זון און ווינטן,
אויסגעקלאָגטע שטיינער, גרוי און וויים.
א מצבה האַלזט א טיפער טרויער,
אויסגעהאַקט אין שטיין שלאָפט שטיל דער מידער גרייז.

עס כאַפּט זיך אויף א ווינטעלע און טענה'ט,
פרעגט באַם האר, דעם שאַפער פון דער ערד:
צו וואָס, צו וואָס א מייסטערווערק באַשאַפן,
שפּילעוודיק, און אָן פאַרוואָס צעשטערט?

מיט שטילן טרויער גייען נאָך די שאָטנס;
שווארצע קרענץ און טרערן טריקענען אוים.
אייביקייט מיט זאַמד וועט אַלץ באַדעקן
אין דעם מייסטערס טרויעריקן הויז.

אין שפּיטאָל

ארום איר קאָפּ א זיידענע לבנה,
באַ איר צופוסן א ווייסער מילך־וועג;
אין מירמל־שטיין איר פּנים אזוי דין איז,
אירע הענט אף ברוסט אוועקגעלייגט.

דער פּאוויליאָן א רואיקער, א גראמער;
שטייט איר בעטל אין א לאנגער ריי.
שלאָף־געטראנקען שלעפערן צום שטארבן;
שפּיזלט זיך אין הארץ א טיפער ווי.

שוועסטער שוועבן ווייסע, ווי חלומות;
אף די טעצעלעך וואטע, מעדיצין.
אף די פענצטער ברעכן זיך די שטראלן
און א זשומען הערט זיך פון א בין.

ווייטע קלאנגען, ציטערדיקע, קומען,
בויגן זיך אראָפּ די בלומען־קעפּ.
ס'איז אַ גאַסט פון פרעמדער וועלט געקומען,
ווארט ער אומגעדולדיק אף די טרעפּ.

ארום איר קאָפּ א זיידענע לבנה,
אין מירמל־שטיין איר פּנים אזוי דין.
אף די בעטלעך דרעמלען שטיל די קראנקע
און א זשומען הערט זיך פון א בין.

צו דיר

ווען עס לעשן זיך אויס אלע שטערן,
ווען עס לעשן זיך אויס אלע ליכט,
דערהער איך א רוף פון די טיפן,
א שטימע אזוי אומגעריכט.

מיין נאכט איז געשפונען פון טרויער,
מיין בעט איז פון מענטשלעכן צער,
די איינזאמקייט שעפטשעט און לויערט,
מיין קערפער אין פלאמיקן זשאר.

עס צערטלט דער חושך מיין פנים,
איך ווארט אפן טראנק פון דעם שלאף.
די שטילקייט נעמט טרויעריק זשומען,
עס נעמט ניט צום חושך קיין סוף.

איך רוף דיך און וויים ניט דיין נאמען.
איך וויים, דו ביסט איינזאם ווי איך.
איך ווארט אף דיין פלוצימדיק קומען,
ווסט קומען צו מיר אומגעריכט.

אט הער איך דיין פריילעכן קומען,
ווי דער פרילינג, מיט ריחות פון וואלד.
מינוטן פון גליק אויסגעשפונען
און דו, ווי די זון מיט איר גאלד.

דו האסט אזויפיל צו דערציילן,
דיין שטימע איז הארציק און פראסט;
די ווערטער אזעלכע אינטימע —
איך פריי זיך אזוי מיט מיין גאסט.

נאר פלוצלינג דערוואך איך פון שלומער —
די נאכט איז נאך שווארץ און איז לאנג.
איך ליג, איבער מיר הענגט איר שאטן
און די וועלט גייט פארביי מיט איר גאנג.

אַקאָרדן

איך בין אן אַקאָרד,
גענומען פון מייסטער־פינגער,
געשוועבט אין וואונדער־ספערן,
אין נעפּלען איינגעהילט.

יעדן טאָן באַזונדער
א ליד וואָס האָט אָפּגעקלונגען
אין דעם בלויען עטער
מיט ווייטיק דורכגעפילט.

אמאָל א שטילער טרויער,
אן אָפּקלאנג פון די עכאָס,
וואָס טראָגן זיך פאר׳כשופ׳ט
און וועקן־אויף דיין וויי.

אמאָל א שטילער ציטער
פון האַרץ, וואָס בלוטעט,
ווי א קאָנספּ, פריצייטיק
צוגעדעקט מיט שניי.

איינזאַמקייט

קיינער איז ניטאָ,
נאַכט און ביכער־שראנק.
אין דער שפּעטער שעה
מאַטערט א געדאנק.

מישט זיך עפּעס אויס,
רויט און שווארץ און גרוי,
דאָס וואָס האָט געטרייסט
איז שוין היינט ניטאָ.

דאָס וואָס האָט געשיינט
האָט שוין ניט דעם גלאנץ.
דאָס וואָס האָט פאריינט
איז אליין ניט גאנץ.

קיינער איז ניטאָ,
גרענעצט אלץ די וואנט.
כ׳זוך אין קאַלטער שעה
בלויז א ווארעמע האַנט.

●

אַ מעסלעם

אזא שטילער טרויער לויערט
באַ דעם זון ־ פארגיין.
וואָלקנס — גרויע שעפּסן
קומען און פארגייען.

מיט מחשבות טיפע
פארשלאָסן און פארקלערט.
אייביקע געשיכטע
פון די טעג און די נעכט.

א מעסלעם פארצייכנט
האָט מיט בלוט דער טאָג,
זון האָט אין איר צונטער
קדיש אָפּגעזאָגט.

טרייסטן

זיי קומען מיך טרייסטן
פון ווייט און פון נאָענט,
זיי קומען באַטאָג
און זיי קומען אין אָוונט.

איך ליג א פארטראַכטער
אין טומל אין גרויען.
דאָס שטאָל פון די רעלסן
פארטומלט דעם דרויסן.

עס וואונדערט, ווי קומט עס——
דער טומל פארצאנקט ניט?
צי ווייסט עס ניט קיינער,
אַז דאָ ליגט א קראנקער?

אין דיינע הענט

איך ווייס, איך בין אין דיינע הענט,
געפאנגען. קאָן איך זיך דען ווערן?
פארשלאָסן אין די קראנקע ווענט,
פארשטיינערט זיינען מיינע טרערן.

דער אומרו' רופט פון אומעטום,
צעפלאמט יאָגן זיך געדאנקען.
דאָס לעבן רוישט פון אומעטום,
דאָך בין איך קראנק, ווי אלע קראנקע.

וואָס גייט מיר אָן די שיינע וועלט,
די גערטנער און די סאָסנע־ביימער,
די פייגל מיט אָרקעסטער־קלאַנג,
דער טייך מיט ווערבעס די פארטרוימטע.

דו טראָגסט מיך אויף בלויזע הענט,
און איך בין קראנק מסוכן.
איך שטייף אזוי צענויף די ציין,
פארשליס די אויגן ניט צו קוקן.

נעם טו מיט מיר וואָס דיר געפעלט,
לייג אוועק און לאָז מיך איבער.
כ'וועל שוין אויף דער פלאך פון דער וועלט
ניט פילן מער קיין לעבנס־פיבער.

פארגעסן וואָס און ווען פאסירט.
מיט ווערטער צערטלעכע און ריינע
דערציילן ווער וועט, אז אמאָל
געלעבט א דיכטער האָט דאָ איינער.

די פינצטערע רו

די נאַכט, ווי א פינצטערער ים,
לאָזט זיך אראָפּ און אראָפּ;
מיט שווארצן באַדעקט זי מיין שטוב,
מיט דערנער באַפּלעקט זי מיין קאָפּ.

ווי שטיל איז די פינצטערע רו,
פארלאָשענע פענצטער און ווענט.
דאָס ליכטל, וואָס גוסס'ט באַם שויב,
פארלעשן האָט זיך ניט געקענט.

עס קנאַקט די פּאָדלאָגע פון האָלץ,
שאָטנס זיך לאָזן אראָפּ.
פארצווייפלט מיין פרוי זיצט באַם זייט,
מיט א געבויגענעם קאָפּ.

עס קריכט דורך די פענצטער די נאַכט,
דער דרויסן, ער וויינט, ווי דער ים,
דאָס ליכטל אין נאַכט לעשט זיך אוים
אין אייגענעם פינצטערן תהום.

אין אייביקן פלאָנטער

איינגעוועבט אין פלאָנטער פון חלומות,
באַליידיקט וויינט מיין הארץ אין מיטן נאַכט.
דער אָוונט קילט די בלוטיק־רויטע זוימען,
אין מיר אליין אן אויפברויז נאָך א שלאַכט.

עס קאָכט דער טייך און שפרינגט פון זיינע ברעגן,
א זילבער־פאס צעשימערט האָט זיין שוים.
פארבייגעגאן איז ליכטיק די לבנה
און האָט פארלאָרן דאָס זילבער פון איר שוים.

עס רייצט זיך ווער מיט מיינע שטילע טרוימען,
לאנג־פארצערטע שעה'ן אָן דערפאָלג.
איינגעוועבט אין גאנג פון גאנצן לעבן,
האָב איך מיט צער פאר יעדן טראָט באַצאָלט.

●

אין לעבנסגאַנג

מיין לעבנסגאנג איז פול מיט צער און טרויער,
אילוזיעס פארביקע פון אָפּגענארטע טעג;
צום העכסטן זיך געפלייסט וואָס צו דערלאנגען,
פארמאַטערט בין געבליבן אין מיטן וועג.

פאר'שכור'ט זיך מיט וואָרט, און פארב, און פאָרם,
געמאָסטן און געשליפן צען מאָל צען.
געפרייט זיך, און אנטוישט זיך, און באַדויערט,
נעגלויבט האָב איך אין כוח פון מיין פען.

דער וועלט־באַנעם מיט בלוטיקע קרבנות,
דער ווײַ־געשריי איבער דער גאָרער ערד
האָט אויפגעוועקט מיך פלוצלינג פון מיין חלום, —
מיין אויסגעטרוימטער הימל איז צעשטערט.

די שוואַן

פֿאַראַן אַ נעסט אַזאַ, פֿאַראַן,
וואָס ס'וואוינט אין איר אַ זילבער־שוואַן.
די זילבער־שוואַן, ווי קלאָרער שניי,
וואָס ווייסט ניט פֿון מײַן טיפֿער וויי.

פֿאַראַן אַ טרוים אַזאַ, פֿאַראַן,
וואו ס'וואוינט די איינזאַמקייט אַליין.
די בענקשאַפֿט אַזוי טיף און גרויס,
און קיינער ווייסט ניט פֿון איר הויז.

פֿאַראַן אַ לאָמפּ אַזאַ, פֿאַראַן,
וואָס צאַנקט אין טונקעלן שוואַכן שײַן
און קוקט צום דרויסן אַזוי פֿאַרגרויט,
און הערט זיך אײַן צום טראָט פֿון טויט.

פֿאַראַן אַ וועלט אַזאַ, פֿאַראַן,
וואָס שלינגט דאָס גאַנצע לעבן אײַן,
און קיינער האָט נאָך ניט פֿאַרטרויט
צי דאָרטן איז ניטאָ דער טויט.

V.

לידער פון ארבעט

ווען ארבעט קריגט אַ זינען

וואָס רוישן און קלאַנגן מאַשינען,
געבוירגן די קעפּ אָן א זינען?
פארלאָרן דער מענטש צווישן רעדער,
וואָס לויפן און הודיען כסדר.

אין אָוונט, באַם גרויליקן טאָגן —
וואָס ווילן די מענטשן דערזאָגן?
פאר וועמען דאָס לויפן, דאָס פּראַצעון?
פאר וועמען די רייכע פּאַלאצן?

ווער קאָן עס פארגעסן דעם רוישן,
דעם שקלאפישן אומגליק דעם גרויסן —
ווען הונגער, און ענגשאפט און צאָרן
פארוויסטן, פארברענען די יאָרן?

האָט פּלוצלונג א ליכט זיך באַוויזן,
ווען ס׳האָבן זיך קייטן צעריסן —
ווען ס׳האָבן די רעדער, מאַשינען
באַקומען אן אינהאַלט, א זינען.

ווען ארבעטערס פלאמיקע זעגן
האָבן צעשניטן די וועגן,
ווען ארבעטערס בלוטיקע פּראצע
בויט פאר זיך שוין פּאַלאצן.

עס רוישן שוין פריידיק מאַשינען —
די ארבעט באַקומט שוין א זינען;
און היים ווערן ארבעטער־אָרעמס
מיט גליק, מיט דערגרייכונג, מיט שטורעם.

אַרבעטלאָז

די מאַמע צירעוועט אַ זאַק,
דער טאַטע — איינגעטונקט אין זאָרגן.
ער זיצט און שווייגט און קוקט צום דיל,
ווי איינער האַלט אַ סוד פֿאַרבאָרגן.

די גרויע לופֿט הענגט באַם שויב,
די זיפּצן רייסן זיך צום דרויסן.
דער שניי אין דרויסן — קלאַפּטער הויך
מיט בערגלעך רונדיקע און גרויסע.

דער ווינטער איז נאָך אַזוי לאַנג,
די שטערן קוקן און זיי בלענדן,
די שרעק אין ווייסן הענגט צעשפּרייט
און קיינער ווייסט נישט אירע ענדן.

יאַנואַר — די שרעק פֿון אָרעמאַן...
מיט ציטער אַף די מידע אויגן
טוליען קינדער זיך צום לאָמפּ.
דאָס פֿייער חלש'ט אַף די שויבן.

●

פֿרעמדע

מיר זיינען געקומען אַהער אַף דערוויל,
אַזוי ווי ציגיינער מיט קאַסטנס און פּעק.
געלייגט זיך דערשראָקן ווייט פֿון דער שטאָט
באַהאַלטן אין חושך די פֿינצטערע קעפּ.

מיר האָבן דערוואַכט, ווען דער טאָג האָט געראַשט,
מיט מענטשן און באַנען אין קלאַפּן מיט קלאַנג
די וועגן געדרייטע אַף ריזיקע בערג
מיט אייביקן לויפֿן צום ברעג פֿון פֿאַרגאַנג...

מיר זיינען געקומען אַהער אַף אַ וויל —
עס האָט זיך דער עגל הזהב צעברענט.
מיר טראָגן די שטיינער און קערן זיך אום
מיט הערצער פֿאַר'סמ'טע און ליידיקע הענט.

טאָג לעשט אוים זיין אייגן פייער

באַ דער בריק א רויטער שייער,
אפן דאך א גרין געוועלב —
טאָג לעשט אוים זיין אייגן פייער,
קליידט מיט שווארצן אַן מיין וועלט.

שניידט זיך גלאנציק אריין דער מולד,
ווערן ענגער מיינע ווענט —
באַ מיין פענצטער שטארבט דער דרויסן,
ברעכן צווייגן מיט די הענט.

לויפט פארביי א פערד און וואָגן,
שטויביק ווערט דאָס שטיקל וועג —
איז דער טאָג פון אונז אנטלאָפן,
זיינע גרינע טריט פארמעקט.

קלאָגן וועלף אף אלע וועגן,
אלץ פארצוקן זיינען גרייט —
נאַצי־פּחד שפרייט זיין צאָרן,
בלוט־הינט רייסן זיך פון קייט.

צייט פון אָפגאנג, צייט פון וואכן,
לענגער ציט זיך אוים די נאכט —
טאָג לעשט אוים זיין אייגן פייער,
שאָטנס שטייען אף דער וואך.

דער ליכטיקער טורעם

אין מיטן שווארצן ים פון לעבן,
פון בלוט, נקמה און פון האַס,
האָט פון די גרענעצן פון מענטשהייט
צעפלאַקערט זיך דאָס משוגעת.

אין טיפער פינצטערניש פארטרונקען,
בלויז פאַכט די פייערדיקע שווערד.
ניטאָ קיין רעטונג. וועלט גייט אונטער.
עס זינקט צום תהום מיט בלוט די ערד.

מיט שוים אויף ליפּן פון נאַציסטן,
מיט ווילדן אויסגעשריי פון האַס,
ניט זיכער קיינער מיט זיין לעבן,
פון נאַצים בלוטיקן משוגעת.

מיליאָנען אויפגערעגט פון בושה,
דער צאָרן ברענט און גיט קיין רו,
און היטלער׳ס גאָט, פון בלוט באַטרונקען,
האָט זיך געלאָזט אין ווילדן טאַנץ.

עס פלאַקערט אויף די שייטערהויפנס
די בעסטע ווערק פון מענטשן־מאַרך.
אין פלאַמען ברענען פרויען, קינדער
און מענער פאַלן אונטערן האַק.

און דו, מיין שיינע, איידעלע דייטשלאַנד
פון מאַרגאַריטע און לאָרעליי,
פון שענסטע דיכטער, העלסטע דענקער,
דיין קרוין צעבראָכן ליגט און שווייגט.

דאָך וואַרט, וואָס זע איך פון דער ווייטן,
אין מיטן שטורעמדיקן ים!
אַ טורעם האָט זיך הויך דערהויבן
און ווייזט — א רעטונג איז פאַראַן.

א רעטונג, ליכטיקט העל דער טורעם,
א זעקסטל פון דער רונדער ערד.
אהינצו פירן אלע וועגן,
ווי היטלער׳ס מאַכט צעבראָכן ווערט.

פאראייניקט אייך, איר פּראָלעטאריער
פון אלע לענדער, ארום טורעם־פלאם.
וועט פאלן היטלער־גאָט אין חושך,
די וועלט וועט אָפּמעקן זיין שטאַם.

●

זינג מיר, מיין האַרץ

זינג מיר, זינג מיר
ניט פון שלאכטן,
ניט פון בלוט און ניט פון טרערן;
פון א וועלט פון האַס און צאָרן
איז דערווידער מיר צו הערן.

זינג מיר בעסער — כ׳זאָל פארגעסן
אין די שווערע טעג, די גרויע,
ווען א גאנצע וועלט גייט אונטער
מיט איר האס און מיט איר טרויער.

זינג מיר, זינג מיר פון באַנייאונג,
יעדער באַ זיין סערפּ און רידל,
פון א זאטער וועלט פון בויער
מיט צעפלאמטע פרידנס־לידער.

זינג מיר, זינג מיר, איך וועל גערן
אין א קאראהאָד זיך לאָזן —
זאָל די גאנצע וועלט היינט טאַנצן
צו דעם טאָג פון דער באַפרייאונג.

די פאַרשאָלטענע האַנט

ס'איז די וועלט אַזוי שיין, אַזוי גרויס.
קומען שונאים מיט האַס און מיט בראַנד
און פאַרוויסטן פון לעבן די טעג
מיט אַ ווייסטער פאַרשאָלטענער האַנט.

זיינען פעלדער מיט זאַנגען פאַרפולט,
די שייערס און שפּייכלערס מיט ווייץ,
קומט די האַנט און פאַרנעמט יעדן זאַנג
און באַצאָלט מיט די תּפיסות און קרייץ.

זיינען שטעט מיט מאַשינען פאַרגרייט,
די קראָמען מיט קליידער און שיך.
קומט די האַנט, די פּראָפיטן נעמט צו
און דאָס בעסטע און שענסטע פאַר זיך.

ס'גייען מענטשן פאַרהונגערט אַרום,
צעריסענע הערצער מיט בראַנד;
זיינען בלינדע פון זיי נאָך פאַראַן
וואָס קושן די בלוטיקע האַנט.

●

צוויי וועלטן

מען לעבט ניט צוויי וועלטן, מיין קינד.
ס'איז אַלעס געמאָסטן, געציילט.
און ווי איז צו דעם וואָס ער האָט
די גליקלעכע רגע פאַרפעלט.

דעם וועג וואָס מיר גייען פאַרביי
מיט קנאה, מיט זאָרגן, מיט ווי,
באַהאַלטן גייט־מיט יענער דראַנג,
וואָס מאָנט און פאָדערט פרייד.

מיט אַרבעט, מיט שווייס און מיט זאָרג
די טעג און די יאָרן פאַרוועלקט,
און ווי איז צו דעם וואָס ער האָט
מיט זיין שאָטן די שטראַלן פאַרשטעלט.

ניטאָ קיין צייט

מיר לויפן, לויפן — ס׳איז שוין שפּעט.
מיט מענטשן איז די באַן געפּאַקט.
דער בלויער דרויסן רוישט און קאָכט,
אין מויל פאַרלעשט דער סיגאַרעט.

דער פראָסט איז שטאַרק, דער שניי איז בלוי,
דער מזרח גיסט אָפּ רויטן גאָלד.
אין ווייסן שטייט דער הוילער פּאַרק
און בענקט אַזוי נאָך אַלטן וואַלד.

מיט ווייסע צעפּ פון פראָסט און אײַז
באַהאַנגען איז דערביי אַ הויז.
אַ בעטלער בעטלט אפן ראָג,
זיין שטיקל פּוס שטעלט ער אַרויס.

ניטאָ קיין צייט, ניטאָ קיין צייט,
נאָך דריי מינוט, נאָך צוויי מינוט,
סירענעס גאָרגלען איין מינוט —
די אַרבעט רוישט, ניטאָ קיין צייט.

•

נאָוועמבער

עס זיינען געקומען די ווינטן,
צעבראָכן, צעריסן די צאַמען.
זיי האָבן פאַרבלעטערטע סקווערן
געריסן מיט אייזערנע קאַמען.

עס זיינען געקומען די ווינטן,
געוויינט און געלאַכט און געשאָלטן,
ווי ווייטע נשרפים, וואָס האָבן
קיין דאַך ניט, וואו זיך צו באַהאַלטן.

עס זיינען געקומען די ווינטן,
געריסן פון שפּייכלער די שלעסער
ווי הונגער צעברעכט אַלע צאַמען,
ווי אויפשטאַנד צעפּאָכט זיינע מעסער.

אוצרות פאַרבאָרגענע

(געווידמעט דעם „איקוף")

שווימען טעג און קומען מאָרגנס,
שווארצע מאָרגנס, בייזע צייטן,
די מלחמות און פּאָגראָמען,
בייזע צייטן, אייביקייטן.

וואקסן שדים, הינט וואָס בייסן,
צאַפּט מען בלוט פון יונג און אַלטע,
שווייגן הימלען, שווייגן לענדער,
פאָלק מיינס, ווער האָט דיך פארשאָלטן?

וויינען ימים, שרייען שטורעמס,
איז אין חושך וועלט פארגאָסן,
איז די וועלט א וועג מיט דערנער.
האָט די זון איר ליכט פארלאָשן?

איז קיין אויסוועג ניט פאראנען?
וואקסט דער אומקום גרויס און גרעסער,
פאָלק מיט וויסטן וואנדער־שטעקן,
אונטער שונא'ס שניט פון מעסער.

רייסט פאנאנדער שרעק און חושך
אַזאַ שטימע, אַזאַ קלאָרע,
טראָגט א היילונג, אַזאַ באַלזאַם,
אַזאַ גליקלעכע בשורה.

אין די טיפענישן ריזלט
פון מיין פאָלק אַזאַ כוונה,
וואקסט א נייער כוח אונטער,
דער „איקוף", דאָס איז זיין נאָמען.

ווי א כשוף וואָלט פארזיגלט
יענע זון וואָס וועקט דעם מאָרגן,
זיינען אוצרות לאנג געלעגן
אין דער אייביקייט פארבאָרגן.

איז א כוח אויפגעשטיגן,
ווי א צויבער — זין און טעכטער,
האָט צעקלונגען ווי מיט גלעקער
נייער אינהאַלט, שטאַרקע ווערטער.

ניין, פאַרליר ניט דיין אמונה
אין דעם לויף פון בייזע יאָרן.
דו ביסט אייביק, ווי דאָס לעבן,
פאָלק מיינס, דו ביסט ניט פאַרלאָרן.

ווערן ווערט דער טאָל פון טרערן
העל געלייטערט, ניי צעזומערט,
כוחות ליגן נאָך אין שלומער
אונטער שוואַרצע וואָלקנס אומעט.

אָבער יענער טאָג וואָס גרייט זיך
מיטן גלויבן פעסט־געפּאַנצערט,
ווען ס׳וועט הערשן אין די רייען
צווישן דיינע זין א גאַנצקייט —

וועט מען ווידער נעמען בויען
צו דער וועלט דעם וואונדער־היכל
פון באַפרייטע און באַנייטע
ביז די הימלען צו דערגרייכן.

דיינע זינגער, דיינע שפּילער,
דיינע מאָלער, דיינע בויער
קומען שוין פון יענע ווייטן
אין די הענט מיט נייע תורות.

דיינע שונאים, שלענג די מיאוס׳ע,
היטלער, מוסאָליני, פראַנקאָ,
וועלן ווי די גוסס־ליכטלעך
אין דער אומריינקייט פאַרצאַנקען.

אַט די שטימע, אַט די נייע,
מיט אזוי פיל טרייסט און ליבע,
לאָזט ניט אָפּ און וועקט כּסדר,
גייט די שטרויכלונגען אריבער.

שווימען טעג און קומען מאָרגנס,
גייט „איקוף" זיך אין זיין אקער,
ווערן נאָענט די סמנים,
זון וועט קומען מיט איר פלאקער.

און דער טאָל פון בלוט אין טרערן,
מיט א גלויבן פעסט געפּאנצערט,
וועט דערוואכן פון זיין טרויער
פול מיט קעמפער־מוט און גאנצקייט.

●

טרעפונג

ער פארקויפט אפן מארק זיין נשמה,
פארלאָרן זיין רו און זיין שלאָף;
און זי, צוליב קליידער און ברויט,
צום טייוול פארקויפט זי איר גוף.

זיי האָבן זיך ביידע געטראָפן
באַם טישל אין דעם קאַבארעט.
דאָס מזל פון זיי איז אנטלאָפן,
די נאַכט האָט זייביידן באַוויינט.

ביז מאָרגן ווי לאנג איז צו ווארטן?
מיט לאנגוויל, מיט ציטער און פּיין
שווייגן פיר אויגן און פרעגן:
מאָרגן? ווער ווייסט וואָס וועט זיין?

פארלעשן זיך לעמפלעך און לאָמפּן,
די נאַכט ליגט אין פינצטערן שוים.
זיי זיצן באַם טישל און טרינקען
פון לעבן דעם ביטערן כוס.

שלום

פאַרטאָג פאַרוויקלט נאָך אין בלויען,
ווען רויש און זאָרג און בענקשאַפט שלאָפט,
די נעגל בלוטיקע בלויז צוקן,
מידע וועלט נאָך גלויבט און האָפט.

זינגט שטילקייט פון די ווייטסטע הימלען
און פילט מיין האַרץ אָן מיט געזאַנג,
אַזאַ מין וואונדערלעכן הימן,
אַ געזאַנג אַזאַ צו גאָט.

שלום! שלום! טייכן דרימלען,
וועלדער שוידערן פון שלאָף,
שטערן שפּינען הויכע לייטערס,
שלום נידערט שטיל אַראָפּ.

הענט געהיימע עפּעס שפּינען,
רויט און גאָלדיק, בלוי און גרין,
זיילן ליכט פון ערגעץ שטראָמען,
שלום וועדט מיט מיר אינטים.

וועקט ניט, וועקט ניט, זאָל נאָך דרימלען
בייזער גייסט פון חיה ווילד.
שלום זינגען אַלע הימלען
אין דעם קעניגרייך פאַרטאָג.

עראָפּלאַנען

פליען, רוישן עראָפּלאַנען
דורך די לענדער, דורך די ים'ען,
און עס ציטערן די הויכן —
ווען מען ווילן זיי דערגרייכן?

זיינען שטעט אזוי דערשראָקן,
ווי די שיפן אף די ים'ען.
מענטשן לויפן זיך באהאלטן,
ווען עס פליען עראָפּלאַנען.

גראָבט מען קברים אין די גאסן
צו באהאלטן מענטשן־מאסן.
ווייסט נאָך קיינער ניט פון וואנען,
ריכט מען זיך אף עראָפּלאַנען.

פאלט א טרויער אָן א וויסטער.
ווען מען וועט זיך עפּעס גלוסטן?
עראָפּלאַנען וועלן קומען,
ברענגען פלוך פון דער מלחמה.

פאלן הייזער, פאלן ציגל
אף די זויג־קינדער אין וויגל.
וויינען שוועסטער, קלאָגן מאמעס —
יאָגן ווילד די עראָפּלאַנען.

אין בלויען שפּיל

איך בין פארכאפּט אין בלויען שפּיל
פון כוואליעס שוימיקע.
מיין פרייד האָט זיך אין זיי צעשפּילט.
דער לעיק, ער אָטעמט שטארק און שוימט,
און ברענט אין זוניק־רויטן פלאַם,
און רייסט די ווייסע האָר פון פּראָסט,
וואָס פארמעסט זיך מיט אײן שפּרייז
דעם לעיק פארגליווערן אין אייז.

די שטורעמס לויפן דאָ פארביי.
די וואָלקנס שמעלצן זיך, ווי בליי.
די בערג אנטקעגן, און דער וואלד,
אין ווייסן כשוף אָנגעטאָן.
דער מזרח פלאַמיק, ווי טשוגון.
אלץ רופט און בלענדט, און פריידט, און רוישט.
באַם בלויען לעיק, ווי מיט א פויסט
פון גבורה צו באַפרייען זיך
פון קייטן און פון שווערן יאָך.

●

שאָטנס

פון די גאסן גייען שאָטנס,
שאָטנס גייען אום.
וואָס זשע זאָלן איצטער שאָטנס,
שאָטנס מיט זיך טאָן?

איז א הונגער אזא גרויסער,
הונגער איז אין הויז.
שטייען שאָטנס פאר די טירן,
שאָטנס גייען אויס.

שלאָפן שאָטנס אין די פארקן,
שאָטנס טוליען זיך אין שלאָף.
שאָטנס וויגן זיך ווי צווייגן,
שאָטנס יאָמערן דורך נאַכט.

דעם אָרעמאַנ׳ס טיש

נעם צעפּאָך אַף אָרעמע פּלויטן
זומער׳ס פּראַצע, זומער׳ס גוט —
כ׳זאָל א טראָג טאָן זיך אין רויטן
זייער׳ס שוויים און שניטער׳ס בלוט.

ס׳וועט זיך אָנטאָן הויט און ביינער,
אין א קלייד פון דינעם זייד.
פאַר די אָרעמע שטיבער ענגע
שענקט די ערד אוועק איר לייב.

זאָל א פלייץ טאָן זעט און תענוג
מיט א קעמפּעריש ן ריס.
וועט זיין ברויט און ווין און האָניק
אַף דעם האָרעפּאַשניק׳ס טיש.

●

מיין הויז

איך וועל בויען זיך א הויז
צווישן די פיר עקן.
כ׳וויל עס מיט מיין רויטן האַרץ,
מיט מיין האַרץ באַדעקן.

זאָל עס זיין אין מיטן וועלט,
זון, לבנה, שטערן
קוקן זאָלן פון דער הויך,
קוקן, און ניט שטערן.

טיר און טויער זאָלן זיין
אָפן, גאָר אָן שלעסער,
און דער רשע זאָל צעברעכן
זיין פייערדיקן מעסער.

אורחים זאָלן קומען אָפט
צו דעם טיש געשפּרייטן —
יעדן מיט א ווארעם וואָרט
ברידערלעך באַגלייטן.

מיין רויטע ליד

מיין רויטע בלום צעבלוטיקט איז,
צעבלוטיקט ווי מיין ליד.
איך האָב זי אין מיין האַרץ פאַרהיט,
מיט פלאַמען אויסגעשמידט.

מיין רויטע בלום געליטערט איז,
אין טרוימען־לאַנד צעהעלט,
ווי נייער אויפקום בליצט פון ווייט,
פון גאָר א נייער וועלט.

מיין רויטע בלום, ווי פייער ברענט,
אין פלאַמען אויסגעשמידט,
און פלאַטערט מיט אזוי פיל פרייד
צום אויפגאַנגס נייער ליד.

●

הינטער אַ פאַרשפּאַרטער טיר

אז איך זאָל דיר שוין דערציילן
ווי ס'איז שווער אליין צו לעבן
צווישן קאַלטע ווענט די פיר,
מיט א צוגעשפּאַרטער טיר.

און אז שאָטנס, פּונקט ווי מענטשן,
קייען, קייען, און זיי קוקן —
ניט זיי זאָגן, ניט זיי פרעגן.
און איך זיץ מיט זיי מעסלעסן
ביז איך מוז אין זיך פאַרגעסן.

וואקסט און וואקסט אין האַרץ א שטומע
און א פייערדיקע שנאה
צו מיין גורל, צו מיין לעבן,
צווישן קאַלטע ווענט די פיר.

ביז איך וועל אין זיך פאַרגעסן
אין די פינצטערע מעסלעסן —
און צעברעכן וועל די טיר.

אין שאָפּ

נאָדלען בליציקע, צעטאַנצטע און צעגליטע,
מאַשינעס רווישיקע, וואָס עסן אויף די טעג.
עס שמעקט דער שאָפּ פאַרשוויסיקט, ווי א תּפיסה.
און הונדערט הענט, פאַרמאַטערטע, צעהיצטע —
זיי שאַפן גליק, זיי שאַפן פרייד,
פאַר די וואָס טראָגן קיילעכדיקע בייכער,
פאַר די וואָס קייכלען די פּאָלירטע הענט.

איינגעגראָבן טיפער נאָך די רוקנס,
איינגעגעסן טיפער זיך אין בלויען שטיק געוואַנט.
דער פאָרמאַן שטייט און היט הינטער די פּלייצעס,
די אַרבעט שוועבט — דער שאָפּ וועט עס פאַרפּלייצן.
דאָך עפּעס עסט עס טיף אַזאַ מין שאַנד —
פון האַנט צו מויל, די אָרעמע פאַרדינסטן.

דער שאָפּ איז פול מיט אומרו מיט צערווישטן,
מאַשינעס זינגען לידער פון סוועט־שאָפּ און פון נויט —
און איבער אַלע קעפּ און פּלייצעס
האָט זיך צעזונגען זון פון פרייהייט אַזוי רויט.

נאָדלען בליציקע, צעטאַנצטע און צעגליטע,
פּופּציק שניידער אין שאָפּ בא די מאַשינעס.
„גלייכט אויס די רוקנס!" האָט זיך ווער צעזונגען,
„פאַרייניקט זיך!" — גענומען האָט באַגינען.

צום גרינעם פרילינג

אָ, פרילינג, קום אריין מיט דיינע גרינע צעפּ;
די זון שפּרייט דינעם זייד אַף מיין סאָסנע־טרעפּ.
דער ווינט — אין קלאַנג פון גלאָק, טראָגט טרייסט, טראָגט מוט,
פאַרשפּרעכט
אזוי פיל זונען־ליכט, אזוי פיל לינדע נעכט.

אָ, פרילינג, ס'איז מיין טיש פון פראָסטן האַרטן דעמב,
פון קליאָנען איז דער דיל און ווייסער ליים די ווענט.
דאָך ווייס איך ניט פאַרוואָס עס הייליקט מיין געמיט,
פאַר יעדער שעה אין טאָג האָב איך אַן אַנדער ליד.

פאַר יעדער נייער שעה ציט אויף, ווי זעגלען רויט,
ווען מאָרגן שפּילט זיין ליד אַף זילבער־ווייסן פלויט.
און ווינט, ווי אין זיין האַנט גריפּט דינעם לאַנגן שווערד
און גרייט צו נייעם קאַמף צו לעבן אַף דער ערד.

אָ, פרילינג, קום אריין מיט דיינע גרינע צעפּ.
איך האָב אליין געגלעט די סאָסנע־ווייסע טרעפּ.
איך האָב אליין געשניצט, די פינגער אָנגעשטרענגט,
מיין צימער זאָל זיין פריש, ער זאָל ניט זיין צו ענג.

איצט זע, באַטראַכט מיין גאַס, די אַרבעט־שמאָלע גאַס
מיט ענגע צימערן, מיט ווענט פאַרגרויט, פאַראַסט —
דאָך מיט אַ גלויבונג פעסט אין יעדער ברוסט באַנייט.
דער גרינער פרילינג קומט. די גרויע וועלט ווערט פריי.

באַם וואַסערפאַל

דו האָסט באַרויבט מיך פון מיין וואָרט;
בין איך געשטאַנען א פאַרגאַפטער
פון דיין ווילדן שטאַרקן שמעטער,
פון דיין קאָכעדיקן שפּיל.

דיינע וואסערן אַף מיילן
אין נעלאָף, אין רויש און איילן
האָבן מיך אָנגערעגט צום שמעטער
צו צעברעכן אַלע געטער.

כ'האָב פאַרנומען רעוואָלט און גבורה
פון דיין פויקן, פון דיין רופן
דורך די נעכט און דורך די טעג,
קיינער שטייט דיר ניט אין וועג.

מיט דיין פויקן, מיט דיין גבורה
טראָגסטו יענע גרויסע בשורה,
מיט קלאַנג און זעלטענעם קאָליר:
קעמפער, לערנט זיך פון מיר!

מיט א בייזן ווילדן שמעטער,
צו באַפרייען זיך פון געטער.

האָט זיך פארביק אויסגעבויגן
יענער וואונדערבארער רעגנבויגן
איבער דיינע וואסערפאַלן,
מיט קריסטאַלן, מיט אָפּאַלן.

און אַרום דעם ברייטן ישוב
האָט צעשיינט דעם בלענד און כישוף,
ווי די שטאַרקסטע לעבנס־וואָפן
צו באַפרייען א וועלט מיט שקלאַפן.

רוישט דאָס פויקן פול מיט שמעטער
צו צעברעכן אַלע געטער.

איך בין א שמיד

(פריי נאָך באַלמאָנט)

איך בין דער שמיד
מיט שווארצע הענט.
איך זינג מיין ליד,
וואָס איז ניט פרעמד.

איך קלאַפּ גאַנץ פעסט
פון פרי ביז שפּעט,
און הילכיק זינגען
מיינע קלעפּ.

עס איז א פרייד,
די הענט צעהעלט.
איך האַמער אויס
א נייע וועלט.

איך קלאַפּ באַם פלאַם
מיט שוויים און בלוט.
איך וועק די וועלט
צום קאַמף מיט ברוט..

עס איז מיר גוט, —
מיין קוזשנע גליט
מיין האַמער קלינגט
דאָס נייע ליד.

א ליד פון פרייד,
מיט הענט צעהעלט.
אין פלאַם גייט אויף
א נייע וועלט.

דער טאָג פון מאי

פרימאָרגן. פייגל זינגען לידער
גלייך אין פענצטער, גלייך אין טיר.
מאי אין דרויסן, זון אין פלאַקער,
און די וועלט ווערט גוט צו מיר.

לאַנגע מעננעם האָרעפּאַשנע,
אַזוי פריש, אַזוי באַנייט,
אויגן שמייכלען, העלזער זינגען —
אַף דעם מאי־טאָג בלויז באַפרייט.

גרינע קנאָספּען, נייע צווייגן,
און דאָס האַרץ איז אַזוי גרינג,
כאַפּט אַרום די וועלט די יונגע,
עפן אויף דאָס מויל און זינג.

און דיין ליד, פון מאי דיין זינגען
מאָנט אַ גרויסן חוב בײַ וועלט.
ווער איך שטאָלץ אַף מיין פאַרמעגן,
ווערן פעסטע פיס געשטעלט.

מאַרשן פעלקער אונטערדריקטע,
מאָנען בײַ דער גרויסער וועלט:
גיט אַוועק וואָס איר זיינט שולדיק!
פעסטער ווערן טריט געשטעלט.

באַנייאונג

ווי די פּאַסמעס פעדים גרינע
שלאָפן פעלדער אין באַגינען,
און דאָס בלויע זייד אינמיטן
האָט דער הימל ניט צעשניטן.
פליען ווייסע גענדז און שרייען:
וועלט, מיר וועלן דיך באַנייען!

הער איך — ס׳פּאַלן שוין די ריגלען,
רויטער פלאַם, ווי פון די טיגלען,
אויפגעוואַקטע מיליאָנען
אַלטן שטייגער ניט דערקאָנען.
פליען ווייסע גענדז און שרייען:
וועלטן וועלן מיר באַנייען!

האָט די זון איר וועג געביטן
איבער פעלזיקע גראַניטן,
אין די גאַסן אַף די טורעמס
רופן גלאָקן פול מיט שטורעמס.
פליען ווייסע גענדז און שרייען:
וועלט, מיר וועלן דיך באַנייען!

●

עקסטאַז

צעברענט דאָס פייער שטאַרקער,
ברעך אויף מיין וואָרט, דאָס שטומע,
מאַך לויז די שטריק וואָס וואַרגן,
וואַך אויף שוין, מיין נשמה.

מיט בריטן פאָך, מיט שטאַרקן,
א ריר טאָן יענע פליגל,
וואָס ברענען ווי די פלאַמען
דורך רויטן ווילדן טיגל.

א ריס טאָן יענע צוימען,
די גרענעצן, וואָס שטערן.
די וועלט זאָל זיך א וויג טאָן,
און פרייער זאָל שוין ווערן.

VI.

זעאונגען

זעאונגען

וויאָלעט און קאַרדינאַל־רויט
שווימט אוועק אַף בלויען וואַסער,
און ווי שפּילנדע אָפּאַלן
מינעט זיך דער טייך דער גלאַטער.

שוים, ווי זילבערדיקע שטויבן,
אויסגעשליפענע די ברעגן.
ווי אַ שפּינל אין אַ ראַם ליגט
גרין די גאַנצע געגנט.

הענט, ווי דינע וואַסער־פּלאַנצן,
שווענקען ווייסע טיכער.
זון שרייבט מיט די מאָרגן־שטראַלן
ווערט באַרימטע ביכער.

נייט אַ מיידל צו דעם ברונען,
אירע אויגן — פייער.
גרינע לאָנקעס, מאַרמאָר־הימלען,
האָריזאָנטן נייע.

רעדט צו מיר אַזוי די שיינקייט,
צום אָרעמען געזעלן —
מיט אַ הייליקייט אין האַרצן
באַטרעט איך אירע שוועלן.

איך האָב אײַך ליב

איך האָב אײַך ליב, און כ'קאָן זיך ניט דערמאָנען...
מײַן האַרץ האָט אײַך געבענטשט מיט אַזאַ נאָמען.
עס גייט מיר נאָך מיט שטילע טריט אַ שאָטן,
ווי איר אַליין, אַ בילד אין אײַך געראָטן.

עס רעדט צו מיר, איך קאָן זיך ניט דערמאָנען...
אַזוינע ווערטער, אַזוינע ווערטער פֿרומע.
שמעלצט עס שטאָל און עס שמעלצט זיך אײַזן, —
שענסטער חלום וועט עס ניט באַווײַזן.

דוכט זיך מיר, מיט אײַך וועט עס געלינגען,
מיט אײַער וועג, מיט אײַער טראָט דעם יונגן,
מיט אײַער וואָרט, מיט אײַער ליבן שמייכל,
יענעם בלויען טויער צו דערגרייכן.

אין יענעם ליכט, וואו זעלטן ווער ס'וועט קומען,
אין שענסטן גאָרטן פֿון די שענסטע בלומען.
איך האָב אײַך ליב און קאָן זיך ניט דערמאָנען
יענעם שפּרוך פֿון אײַער ליבן נאָמען.

אונטער דער אייביקער זון

איך ליג זיך אוועק אין מיטן פעלד;
דאָס גראָז איז א זיידן-געשפּין.
פארברען מיך, מיין אייביקע זון,
מיט דיר וועל איך פליען אהין.

מיט דיר אין דעם שטראַליקן בויד,
אין אייביקן ליכטיקן רונד;
ווייל ענג איז געוואָרן מיין וועלט,
די ערד איז א בלוטיקע וואונד.

איז ערגעץ א ווינקל פאַראַן,
א דעכל פון שטראַלן, ווי ווייץ,
אָן טרערן, אָן בלוט און אָן שוויים,
מיט פריינטשאפט, מיט ליבע פארפלייצט?

איך ליג זיך אוועק אין מיטן פעלד;
די זון ווארפט די שטראַלן אראָפּ.
א זוניקע שיינט איצט מיין וועלט
און פלעכט איצט א קרוין פאר מיין קאָפּ.

וואַרטן...

ווארטן אלע טאָג איך ווארט:
צייל די נישטיקע מינוטן
פון באַגינען ביז באַנאַכט,
ניט צום שלעכטן, ניט צום גוטן.

פייער צינדט זיך, לעשט זיך אויס;
נאַכט פארלאָרן, טאָג געבאָרן...
איז דער אומעט אזוי גרויס
אין דעם קורצן לויף פון יאָרן.

טאָג גיסט אָפּ מיט ליכט די ווענט;
גאַסן, מויערן נאָך שטומען —
מיט דערלייזערס גוטע הענט
איז נאָך קיינער ניט געקומען.

זונענשפּיל

זון אַף שויב און טיש און אויוון
מאָלט מיט שטיקער ליכט קוואַדראַטן —
האָט א שאַרפן קוק געגעבן אַף מיין גאַז־לאָמפּ אפן מאַטן.

זון אַף שווארצע האָר,
האָט דאָס זילבער איינגעבונדן —
אַף דער סטעליע אויסגעזילבערט אַזאַ שיינדל אזא רונדן.

זון אַף גאַלקע פון א דעקל
פון דעם סאמאָוואר אין ווינקל —
האָט איר גאנצע קראפט צעבלאָזן, האָט איר גאנצן פלאם צעפינקלט.

זון פארטראכט זיך אַף א שורע
און א וואָרט האָט אונטערשטראָכן —
אַף א שווארצער ראַם די שטראַלן, ווי מיט שטיקער ליכט צעבראָכן.

●

צום קליינעם שיפעלע

שיפעלע, שיפעלע, נעם מיך אריין,
צעלאָז דיינע זילבערנע זעגלען!
דער הימל איז בלוילעך, דאָס וואסער ווי ווין,
צענרינטע, ווי סאמעט, די ברעגן.

רודער, רודער וועלט־אוים און וועלט־איין,
די שוימיקע כוואַליעם צעשטויבטע!
שיפעלע גליטשט זיך אין נעצן אריין,
פאר'כשופ'טע קרייזן, די רויטע.

זעגלען איר שטאָלצע, פון ווינטן נעיאָגט,
פלאטערט צום זוניקן פייער!
שיפעלע טראָגט מיך צום נייעם פארטאָג,
מיין לעבן וועל געבן צושטייער.

אין פלאַמען פון פרימאָרגן

אין פלאמען פון פרימאָרגן, רויט ווי קארמאַזין.
ווער האָט זיך פארבאָרגן און שפינט זיין פלאם געשפּין?
אריבער לעיק אָנטעריאָ, אריבער בערג פארגרויט
אף הארבסט פארגעלטע פרעירים: זיין האנט מאָלט אלץ מיט רויט.

צעפּוסן באַ סעינט לאורענס, מיט קופּער־רויטן ראַנד,
איז שענער נאָך געוואָרן דאָס יונג קאַנאַדער לאנד.
און רופט ווער מיך אָן פרעמדער ווער איך ניט באַטריבט,
צווישן שווארצע לענדער איז מיר דיין ווינקל ליב.

און אומעטום דיין שיינקייט אף יונגער ערד באַרוט,
וואָס שאַפט זיך דורך דיין ריינקייט און מאַכט מיר ליב און גוט.
עס ווילט זיך ניט דערמאָנען ווער ס׳האנדלט מיט דיין רעכט,
דאָך פעסט זיינען די שטאַמען, וואָס וואָרצלען טיף דיין ערד.

ווען ווינטער־זאווערוכעס מיט נאַצים קומען אָן,
די גיפטיקע סוואַסטיקאַ צעפלאַקערט זייער פאָן —
דאַן ווערן דאָ פאַרייניקט אלע ווי איין וואנט,
די שונאים צו באַקעמפן מיט פייערדיקן בראַנד.

אין פלאמען פון פרימאָרגן, אף יונגער רויער ערד,
איז מיר מיין יונגן חלום צו שפּינען דאָ באַשערט
אריבער לעיק אָנטעריאָ און באַ סעינט לאורענס ברעג:
באַזינגען דיינע ווינטערס און הארבסט צעגליטע טעג.

א רגע בלויז

א רגע בלויז אין פרילינג־בליט
שוין אָנגעשטימט האָט מיין געמיט
מיט ליכט און פייער, מיט פארב און קלאנג;
מיין הארץ מיט אייגענעם געזאנג,
זיך אויסגעשיילט אין קורצן בליק
— א גאנצע אייביקייט מיט גליק.

א רגע בלויז מיין זומער ברענט
פון ביידע זייטן גרינע ווענט,
מיט זונען־שפּיל אַף יעדער שויב
גאָלדיק רויטלט זיך דאָס שטויב;
אין זיידנס איז דער רויט פארהילט,
א ליבע ליד דער אָרגל שפּילט.

א רגע בלויז, מיט קילע טריט
דער הארבסט באוווינט מיין זומער־ליד,
די ווינטן רייסן מיינע ווענט;
פארצווייפלט ברעכט אזוי די הענט
מיין ליבסטע אין איר טיפן פּיין
און שטילער טרויער וויגט אונז איין.

א רגע בלויז, האָט ווער געזאָגט,
און אלץ וואָס אייביקייט פארמאָגט
האָסטו געזען אין לעבנס־שוים —
א שפּרונג, א קורצע רגע בלויז.
און ווינטער שפּרייט דאָס ווייסע בעט

מיין הארץ איז אַ בוך

מיין הארץ איז א בוך, פון אַ קינסטלער געשאפן,
מיט שטימונג די שורות, מיט פרייד און מיט צער.
עס שפּיגלען זיך גאָרטנס, עס ציען די הימלען,
וועגן פון שטרויכלונגען און נעכט פון געפאַר.

עס האָט וועך די שורות מיט סודות פארשפּונען,
פאלן די שטראָמען מיט ליכט און מיט פרייד;
פארכאפּט עס דעם אָטעם א שרעק פון פּאסירונג,
ציטערט א שורה מיט שארף פון דעם טויט.

בלעטערט זיך פרישקייט, מינוטן פון ליבע,
קלינגען די קושן אין ציטער פון טוי;
ווערן געבאָרן געשטאַלטן אינטימע,
בענקט זיך צום עבר, עס בענקט זיך אזוי.

מיין הארץ איז א בוך אָרנאַמענטן־געדאנקען,
ווערטער גאנץ פּשוט געזאָגט און געמיינט;
דער קינסטלער זיצט טיף אין זיין כשוף באהאלטן
און צייכנט די שורות, און בלוטעט, און וויינט.

●

נ ע כ ט ן

נעכטן — א רונדיקער קילער מעת־לעת,
א קרעכצן פון רעדער אין פּוסטן;
א שטילער געבעט בא א פינצטערער וואנט,
פארוועלקטער פארפיום און א הוסטן.

נעכטן — א דורשטיקער העלישער דראנג,
א חלום מיט גאָלדענע פליטער,
א פלאמיקער שטראל אף דער קרוין פון א זאנג,
א נענוס אין א זעלטענעם ציטער.

נעכטן — אין פלאקער, ווי א בלוטיקער מאָן,
באהאלט זיך אין שניט פון די גארבן.
מיין וועלט שטייט אינגאנצן אצינדער אין קאָן —
עס ווילט זיך פריציייטיק ניט שטאַרבן.

מיין שויב צום דרויסן

מיין שויב קוקט אין דרויסן ארויס,
א שטיקעלע הימל, א בלויער,
לבנה, א זילבערן האָרן,
גליטשט זיך פון מויער צו מויער.

דער שניי אף די טרעפ אזוי ווייס,
די גאסן ווי זילבערנע בעטן,
די בוימער באהאנגען מיט אייז,
די קוסטעס ווי ווייסע בוקעטן.

דער ווינט מיט א זילבערנעם קאם,
קעמט כלה'ס געפוידערטע לאָקן.
איז ערגעץ די כלה פאראַן,
א קלייד ווי פון זילבער געטאָקט איז.

שפּילן די ווינטן אף פליט,
שפּילן די ווינטן אף טשעלאָ,
לאמטערן, א גאָלדענע קוויט,
האַרציק אזוי די קאפּעליע.

גייט שטורעם אין ווייסן א טאַנץ
וויגן זיך טירן און טויער,
דער זילבערנער שניי אין זיין גלאַנץ,
ליכטיקט די גאַרנס פון מויער.

מיין שויב קוקט אין דרויסן ארויס,
ווי ענגלייכטער ברענען די שטערן,
ביז וואנען עס לעשן זיך אויס
די לעצטע פארגלייזטע לאמטערנס.

פֿאַר דיר

פֿאר דיר, מיין בייגעלע פּאפּיר,
וועל איך זיך שטיל פֿארטרויען
דאָס וואָרט וואָס מאַטערט אזוי אָפֿט
און וויל ניט גיין פֿארלוירן.

עס ברענט דער מאַרך, עס שאַרפֿט די צונג.
מינוטן פֿון מיין לעבן —
דאָס שענסטע וואָס מיין וועלט באַזיצט,
פֿאַר א געשאַנק דיר געבן.

דערהויבט מיך אזא פֿיין געפֿיל,
קומען פֿויגל־ווערטער —
די שענסטע קלייב איך אויס פֿאר דיר,
דאָס איבעריקס צעשטער איך.

דאָך בלייבט אזוי פֿיל ניט דערזאָגט,
אזוי פֿיל נאָך געשטאַלט זיך,
אין העלע פֿלאמען פֿון מיין זעל
א כישוף־וועלט באַהאַלט זיך.

וועט קומען ווען אזא מינוט,
ווען אַלץ וועט ווערן קלאָרער,
א פֿלי טאָן וועט מיין שטיל געזאנג
דורך דיכטונגס פֿיינסטער שורה.

טרערן אַף די שויבן

אַף די שויבן וויינט דער רעגן,
טרערן אַף די שויבן.
ווינטן שרייען אַף די ראָגן,
ווילן אונז באַטויבן.

זוכן אין דעם שווארצן אָוונט
אירע גרויסע אויגן;
שוויגן אירע דינע ליפּן.
טרערן אַף די שויבן.

ס'איז דער צער אדורכגעגאנגען,
טיף דעם קאָפּ געבויגן.
ס'האָט דער אָוונט דאָ צעהאנגען
טרערן אַף די שויבן.

אירע ברעמען רונדער, דינע,
שווארץ ארום די אויגן.
און מיר זיצן דאָ צוזאמען,
ווילן זיך באַטויבן.

●

דאָס ווערק

פארענדיקט ליגט דאָס ווערק.
איך מיש די פרישע בלעטלעך,
עס ציטערט, פלאמט מיין זעל,
און אלע ווינקלען גלעט איך.

אזוי פיל פרייד דערפרישט,
אזוי פיל ריינעם אמת.
אין יעדער שורה שיינט
א פינקלדיקער רמז.

א דאנק אַף ליפּ צעגליט,
א ליבשאפט און דערהויבונג.
דער שאפער ווערט מיר ליב,
זיין וואָרט פאר מיר — א גלויבן.

זע, פֿאַרלאַנג פֿון מיר ניט פֿיל

זע, פֿאַרלאַנג פֿון מיר ניט פֿיל
אין דעם קורצן לעבנס־שפּיל —
מיינע שעה'ן אויסגעבענקט,
האָב איך זיי אַוועקגעשענקט.

קלייניקייטן נאָך אַ פּאָר
בין איך נאָך אַליין ניט קלאָר,
ווער עס בענטשט און ווער עס שעלט —
אַזאַ מאָדנע איז מיין וועלט.

כ'האָב אַ העפּטל און אַ בלום,
אַזאַ זעלטענער פּאַרפֿיום —
כ'בלעטער, בלעטער אַלע טאָג,
טראַכט, און ס'איז מיר ניט גענוג.

בין איך קרענקלעך ניט באַרוט,
טונק די פּעדער אין מיין בלוט,
שרייב איך אָפּט, ניט אָפּגעהיט —
מענטשן רופֿן דאָס אַ ליד.

אום צו שטילן דיין פֿאַרלאַנג
גיב איך דיר אָט דעם געשאַנק
פֿון מיין קורצן לעבנס־שפּיל —
זע, פֿאַרלאַנג פֿון מיר ניט פֿיל.

מיט פאַרמאַכטע אויגן

פארשלאָסן מיינע אויגן —
פויגל דורכגעפלויגן;
שארפע מעסערם בלאנקע,
שרעקנדיק געדאנקען.

פרעמדע ווייטע שטימען —
קיינער ווער ניט קומען;
בלויז די נאַכט באַנומען,
פלעכט די שווארצע צעפּ.

אונטן — טיפע תהום׳ען,
פאַל און פאַל איך ווידער;
נעמט עס ניט קיין ענדע
צו די שווינדל־טרעפּ.

שמאָלע גרינע שויבן —
וויל מיך ווער באַטויבן;
פאַלן צו דער נידער
פוסטע, וויסטע קלעפּ.

יעדעס וואָרט — א רמז —
זוכער פון דעם אמת;
בלוטיקע לאמטערנעס,
בלוטיקט יעדער טראָט.

בין איך אויך געקרייציקט,
צווישן די צערייצטע,
אף פארקרומטע וועגן
זוכנדיק א גאָט.

מיט פארמאכטע אויגן
קאָן איך קוים נאָך הערן
פאַלן פון די שטערן —
טויטע וועלטן ארום.

פרעג איך און וויל וויסן —
ווערט מיין זיין צעריסן;
שווייגט דער בייזער חושך;
קאַלטע הענט פון צווייפלען
נעמען מיך ארום.

אין בלויען לויטער

גאַנצפרי. פאַרשלאָפענע בעריאָזע־ביימלעך.
די בלויע לויטערקייט מאַכט טיפער נאָך די וועלט.
די העגער קרייען אוים וואָס מיר איז אזוי היימלעך
און היימלעך קלינגט דער גלאָק אריין אין מיין געצעלט.

געדאַנקען קומען, צאַפּלדיקע, פרישע,
און הויערן אומגעשטערט, פאַרשפינען מיין געמיט.
יעדער וואָלקן־שטיק באַם שאַרף פון האָריזאָנט־שניט
זינגט פון זיך ארוים אין לויטערקייט א ליד.

איבערשאַף פון נעכטן א זעאונג פון א מאָלער,
א נייע וועלט באַשאַפן, די נעכטיקע צעשטערט.
גרודעס בלויקייט ליגן אין די ווייטע ווינקלען
און דער מאָרגן־שטערן נידערט צו דער ערד.

האָב איך מיט דעם אלעם א נאָענטקייט פאַרבונדן,
איז מיר אזוי טייער די לויטערקייט פון בלוי.
ערד, איך בין דיר מוחל אלע דיינע וואונדן —
גיב מיר בלויז פאַרזוכן די לויטערקייט פון רו.

האַרבסט־רעגן

נעבלדיקע שויבן; רעגן גיסט און גיסט,
און די גאַס איז ליידיק, און מיין וועלט איז וויסט;
קיינער קומט צוגיין און קיינער איז אוועק.
האַרבסט, אין לאַנגן דויער, רעגנט אן א ברעג.

שפּילט ווער אף א פידל, אזוי מיד און קראַנק;
נאָגט עס אזא שטימונג, טוט עס אזוי באַנג.
שפּרינגט דאָס קינד אין צימער, לאַנגווייל ציט די צייט;
פּוסטקייט איז אין האַרצן, ווינטער איז ניט ווייט.

וואָכעדיקע שעה'ן, שווייגנדיקע ווענט;
קומט צומאָל קיין דרימל. הענגען מידע הענט;
פאַלט קיין וואָרט ניט איבער און ארום איז וויסט.
נאָגט עס אפן האַרצן און דער רעגן גיסט.

פרידלעכע שעה׳ן

מיין וועלט פון טומל און געיעג,
זיך אָפּרוען מען טאָר ניט.
פאַרטאָג, באַנאַכט, אין שטרויכל־וועג,
א יאָגן זיך נאָך גאָרניט.

איך בענק נאָך דיר, איך בענק אזוי,
מיין הארץ גייט שוין אריבער.
מיין נאַכט איז שווארץ, מיין טאָג איז גרוי,
מינוטן — קראַנקער פיבער.

צי ביסטו אין דעם זאַנגען־פעלד
באַם האָריזאָנט דעם קלאָרן?
צי ביסטו ערגעץ גאָר עק־וועלט
אין מיטן וואַלד פארלאָרן?

א בענקשאַפט ברענט מיט העליש פלאַם.
מיין וועלט פון שעה׳ן גרויע —
זאָג, אפשר ביסטו אין מיטן ים,
צווישן כוואַליעס בלויע?

איך זוך דיך אום אין מאָרגן־רויט,
איך פרעג דעם מאָרגן־שטערן
און די טרעלן פון דער פלייט,
ווען טאָג האַלט ערשט אין ווערן.

און דו, מיין לעבן מיט גרויסן צער,
מיין וועלט — א שווערער חלום;
פון שענסטן חלום אָפּגענארט,
געמאַכט מיט אַלעם שלום.

די שעה פון רו, וואו ביסטו, זאָג?
צי ביסטו דאָרט פארבליבן,
אין יענעם הויז, אף יענעם ראָג,
ווען כ׳האָב געגומען ליבן?

ווען כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל דערשפּירט
די שיינקייט פון מיין האָפן,
ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל פארצירט
מיט רויטן גאָלד מיין שאַפן.

מיין ליבע, וואָס קאָן איך דיר געבן?

ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל
דיין פרייד פארזוכט,
פארגעסן אלע גאָענטסטע און ליבע,
מיט דיר אליין מיין וואונטש צו זיין,
באַם בלויען פייער, באַם שאריען;
פון דיין אָטעם יענעם וויין
ביז שכרות זיך באַטרינקען.
מיט דיין געזאנג
האָסט דערוועקט אין מיר
דעם לעבעדיקן קוואַל
וואָס שלאָגט ארויף
מיט ליידנשאַפט
צום הערלעכן געזאנג.

מיין ליבע,
מיט וואָס זאָל איך באצאָלן
פאר אזוי פיל גליק?

מיין הארץ איז דאָך אזוי צו קליין,
מיין לעבן איז צו אָרעם,
און מיינע וואונטשן —
זייפנבלאָזן.

מיין ליד — אַן עכאָ בלויז,
א שאָטן פון א קראנקער ליבע.
מיינע ווערטער שטאַמלען.

דאָס ביסל פייער אויסגעצערט —
נעם דיר דאָס ביסל אש,
צעשיט עס אויף די בייטן,
וועלן לעבעדיקע
בלומען וואקסן,
אפשר מירטלען,
אָדער ווייסע ליליעס,
און פרילינג - ווינטן
וועלן זיי פארוויגן
און פארשפילן.

ליבע מיינע,
מער קאָן איך דיר ניט געבן.

צינד אָן אלע לאָמפּן

צינד אָן אלע לאָמפּן!
שוימיק איז דער ווייַן!
שווער די לאסט פון לעבן,
שכור וויל איך זיין!

קורצע לעבנס־שעה׳ן
אין א ים פון דראנג.
רופט שוין ווער באם טויער:
ס׳איז שוין זון־פארגאנג.

אייל זיך צו צו כאפּן
נאָך אן אויגנבליק.
לעבן איז א חלום,
באשאפט דיך און דערשטיקט.

צינד אָן אלע לאָמפּן!
שוימיק איז דער ווייַן!
שווער די לאסט פון לעבן,
שכור וויל איך זיין!

●

אָפּענע טירן

עס קוקט אריין דער טאָג
דורך די שפּאלטן פון דער וועלט.
דער דאך, ווי שארפע ציין
פון הימלשן געמעל.

דער חושך ערגעץ צערט;
אף זעק און פּעק און קנויל
זיצט הונגעריק א דור,
פארשטומט פון שרעק און גרויל.

די טירן פון דער וועלט
צעעפנט זיינען ברייט.
ווער וועט זיין דער לעצטער
געקאָוועט צו דער קייט?

ווער וועט זיין דער ערשטער
צו פארשעלטן איר געביין —
א וואָרף געטאָן צו דער וועלט
דעם ערשטן בעסטן שטיין?

אין מיטן דער נאַכט

אין מיטן נאַכט
צעשויבערט אזא וואָרט:
א קינסטלער נעמט
א זעלטענעם אקאָרד.

א טשאַטע טענער
מיט א שטורעמדיקן דראנג
אין לויף פון צייט
צעפליען מיט געזאנג.

ווי בינטלעך שטראלן
פון שטערנדיקן ווייט,
ווי ליבעס־קושן
פון יונגסטע ווילד־פארשייט.

ווי ווייסע טויבן
אין פלי פון זייער שלאַג,
ווי קלאַנג פון וואלד
פון זעג און שאַרפער האַק.

די נאַכט צעשויבערט,
מיט אומרו אָנגעשטעקט.
די לופט, זי ציטערט,
פון קלאַנגען אויפגעוועקט.

דער מולד

דער מולד קומט נעענטער
אריבער מיין בעט,
א שיין אזא ווייסע
וואָס ציטערט און גלעט.

א שיין אזא ווייסע,
א חלום, צי וואָס?
פארגייט ווי א וואָלקן,
פון טאָג דער פארדראָס.

ס'ווערט בעט מיינס א וויגל
מיט זילבערנעם שיין.
עס וויגט מיך ניט קיינער,
דאָך וויגט עס מיך איין.

עס זינגט מיר ניט קיינער,
דאָך זינגט זיך אליין.
ווער איך געלייטערט,
ווי מולד אליין.

איז נאַכט באלד פאַריבער —
איך זיץ און טראַכט:
ווער האָט עס דאָס וויגל
געוויגט דורך דער נאַכט?

ווערט מיר אלץ קלאָרער
אין זילבערנעם שיין:
דער מולד פארוויגט
האָט מיך איינער אליין.

גאָלדענע רענדלעך

גים, רעגן, גים —
עס שמעקט ארום מיט גרינס,
רענדלעך וועלן פאלן פון דעם הימל.
מיט ווייסן בליט
די גאָרטנס אָפּגעהיט.
די זון וועט שוין דעם טרוים אליין דערשפּינען.

די פרייד האלט איין
באַם ערשטן מאָרגנשיין,
רויע ערד האלט זיך אין באַנייען.
מיט גאָב און זאנג
א פריידיקן געזאנג
וועלן ברעננען שניטער
מיט שניטערשע כלי־זין.

די מיל מיט פרייד
די פליגל שוין צעשפּרייט
אויף הויכע בערג
און גרינע טאָלן.
די ווינטן גרינג,
די רייטער מוטיק, פלינק,
זיי וועלן העלפן
די גאנצע תבואה מאָלן.

גים, רעגן, גים —
מיין וואָרט באַניי, דערפריש
מיט ציטערדיקע
זעלטענע זומער־פארבן,
מיט פרייד פון פלום,
מיט נשמה׳דיק געזום
בינדן מיינע לידער,
ווי די גארבן.

מיין גאַס מיט די בראָנזענע בוימער

מיין גאַס מיט די בראָנזענע בוימער,
די זון מיט איר ליכטיקן שטויב —
עס ציען זיך וואָלקנס פארגרויטע
און קוקן אריין אין מיין שויב.

עס פאַלן, ווי שפריי, אָפּ די בלעטער,
מיין גאַס ווערט אלץ עלנט און הויל.
עס זינגט נאָך אַן איינזאמער פויגל,
עס ציטערט פאַר קומענדן גרויל.

עס וויגן זיך קראַנקע די קוסטעס,
די בלעטלעך שוין געל און פארבליט,
די בלימלעך, זיי שטייען דערשראָקן
און וואַרטן אפן בלוטיקן שניט.

עס לויפן פארהאַוועט די קינדער,
די אָרעמקייט גלעט זיי די קעפּ;
צעריסענע העמדלעך און זעקלעך,
דאָך אויגן — אָן שאָטנס, אָן שרעק.

טוט פלוצלינג א שפּיל וואו אַן אָרגל,
ווערט זוניק דאָס בראָנז פון מיין גאַס,
צערייסן די טענער די שטילקייט,
ווערט ליכטיק מיין אָרעמע גאַס.

בלויע טעמפּלען

האָט דער הימל זיך געבויגן —
רופט עס שטערן, רופט עס אויגן —
פון קרישטאָלן די קאָלירן
בלויע טעמפּלען צו באַצירן.

בלויע טעמפּלען, בלויע פלאַמען,
מיידלעך פליען זיך צוזאַמען,
בינדן זיך די הענט אין קראַנצן,
זילבער־ווייסע שוואַנען טאַנצן.

רויטע גאָרטנס, שאָטנס טריבע,
האַרפע שפּילט דאָס ליד פון ליבע,
פאָרלעך שוועבן, פאָרלעך קומען,
האַלטן זיך ארומגענומען.

רופט עס הימלס בלויער פרילינג,
קיינער הערשט ניט, קיינער קיניגט,
בלויז באַ שטילער אָוונט תפילה
שטערן בלאַסן, שטראַלן קילן.

דורך די זיילן שווער־מאַסיווע,
פאַרבן־שפּיל דורך דער שפּאַקטיווע.
רופט עס רוים — כ'בין גאָרניט אויסן —
בלויע טעמפּלען, בלויער דרויסן.

מאַי

בוימער זינגען לידער — מאַי.
ניסן — בלעטער גרינען.
הענגען בלעטער לויטערע,
הימלען — ריין בושטינען.

זע איך פרייד אױף יונגן גראָז,
זע איך פרייד אױף קארשן,
איז מיין יום־טוב אזוי גרויס,
זינגט עס ווער אין הארצן.

ווייסע פייגל אין א ראָד,
זון פלעכט שנורן פייער
און די שטאָט איז אויפגעלעבט,
און דאָס לעבן טייער.

•

ארום מיר

ארום מיר גייט די ערד,
ארום מיר שיינט די זון
און דער רוים גייט פארביי,
אלע טאָג אזוי ניי.

מיט מיין צער, מיט מיין פרייד
איז דער וועג אויסגעשפרייט,
וואָס פארגייט און פארבליט
וועט ניט קומען צוריק.

ארום מיר יענע ראָד,
וואָס דערהויבט און פארשלינגט
דורך דער אייביקער האַנט,
דורך פאר׳כשופ׳טן רינג.

אַף גרינע ערד

אזוי פיל זאַטע גרינע פרייד
זינגט ווייט אַוועק מיט זומער־גראָז;
אונטער אַ ליפּע־בוים צוויי ווייסע פערד,
זיי הירזשען אויס די פרייד איבער דער פרעירי.

אַ בילן וואַרפט פאַרויס אַ שוואַרצער הונט,
די סאָסנעס קוקן זיך מיט בלויער ווייטקייט איבער;
אַרומגעצאַמט מיט קוסטעס פירט דער וועג
צום הויף מיט ווייסע שטיבער.

דאָס ברוינע ווייץ אַף מיילן ווייט
גיסט אָפּ מיט גלאַנץ די זון, ווי גאָלדענע קרוינען,
און ווייסע פויגלען פליען זיך פאַרביי;
עס וויגן זיך די ווייצן ברוינע.

און קיינער קומט דאָס ניט באַוואונדערן,
און קיינער פרייט זיך ניט מיט אַזאַ שפע.
די זון גייט זיך איר גאַנג,
דער טייך יאָגט זיינע וואַלן,
און קול מיט ווידער־קול
וועלן קיינמאָל זיך ניט טרעפן.

פון נעכטן ביז היינט

פון נעכטן ביז היינט — אזא נאָענטער וועג,
מיט זונען־שיין, שטורעמס און שנייען —
וויפיל פארלאָרענע בלוטיקע טעג,
זיי קומען, ווי שאָטנס פארגייען.

ס'איז נעכטן געלעגן דער הימל אף דר'ערד,
צעריסענע שענסטע חלומות —
קיין אויסוועג ניטאָ, די צוקונפט איז גרוי,
די שענסטע געדאנקען ווי שמחות.

האָט פלוצלינג פארנומען זיך א העלער פארטאָג,
מיט וואָלקנס באַזונטע פון אויבן;
האָט ווידער צעגליט זיך א פרייד אין מיין האַרץ
מיט ליכטיקן האָפן און גלויבן.

פון נעכטן ביז היינט — וויפיל טרויער און שרעק,
א קאַמף צווישן גוט און ניט־גוטן,
א קנויל און א פלאָנטער פון טעג און פון נעכט,
א שפיל פון דעם ליכט און פון שאָטנס.

דיכטונג

פאַרבונדן זיך אַזוי פאַרקניפּט,
צו ערד, צו ים, צו זון, צו רוים,
און דורך אַ דינער בלויער זיפּ
מיין זייט צעשטויבט זיך באַ דעם תהום.

צערינט די שיינקייט פון מיין זעל
אויף האַרטן פעלז פון גרויער וואָך.
דער רעגנבויגן פאַרבט זיך העל
און גרינגערט מיר מיין לעבנס־יאָך.

איך האָב זיך אין געוועב באַהעפט
צום מייסטערס ווילן, שאַפערס דראַנג.
דער קוואַל איז אייביק אומדערשעפּט,
און סם־המות — זיין געטראַנק.

●

רעטונג

איך אליין בין אַ ליד,
אַזאַ ליד פון דעם ווינט,
ווען ער וויינט אויפן הויף,
אַזוי שפּעט, ווי אַ קינד.

ווען דער אומעט איז גרויס,
און דער ווייטיק איז טיף —
איך אליין בין אַ ליד,
אַ פאַרלאָרענע שיף.

אַ פאַרלאָרענע שיף
אין געראַנגל פון ים,
איז די נאַכט אַזוי שוואַרץ,
ווי דער פינצטערער תהום.

רופט צו מיר דער מאַיאַק:
ס'איז אַ רעטונג פאַראַן!
איך אליין, מיין מאַיאַק,
בין אַ ליד וואָס זאָגט אָן.

איך קאָן ניט זיין אַליין

איך קאָן ניט זיין אליין.
מיין צימער ווערט מיר ענג,
דער אָוונט קוקט אריין
פארחלומ׳ט און פארבענקט.

די איינזאמקייט גייט אום
אין גרויקייט פון די ווענט.
א שאָטן וויגט זיך אום,
פארבראָכן ביידע הענט.

א שאָרך ווי דינע זייד,
פאלט שווער אין הארץ אריין.
עס קלינגען ווייכע רייד —
איך קאָן אָן דיר ניט זיין.

●

זומער-פרייד

עס לויפט אונז נאָך די זומער־זון,
מיר יאָגן זיך און יאָגן;
די ביימער טאַנצן אף צוריק,
צוריק אנטלויפט דער וואָגן.

דער הימל זיפט די זומער־פרייד,
די טייכן ווי די שפּיגלען;
הויכע, הויכע מויערן
געטראָגן ווי אף פליגלען.

אזוי פיל פרייד, אזוי פיל פאַרב,
אזוי פיל זונען־קושן;
א רגע לעבן דורכגעלעבט
באַגליקט מיט אלע חושים.

דער ווינט, דאָס ליכט, די ווארעמקייט
איילן זיך און שוועבן,
און דו דערפילסט אין זיך אליין
דעם טיפן סוד פון לעבן.

פאַרדרוס

דער טיש צעשיידט אונז ביידן,
דאָס לעמפּל אין דערמיט,
דיין פּראָפיל אזא שאַרפער,
די שויב האָט זיך צעגליט.

איך וואג בא דיר ניט פרעגן,
דיין שוויגן מאַטערט לאנג;
די פינגער דיינע צוקן
מיט א גיפטיקן פארלאַנג.

איך גיב זיך אלץ ניט אונטער
און קוק און וויים ניט וואָס;
א שטימונג אזא שווערע,
אַן אינערלעך פארדרוס.

דאָך פיל איך אזאַ פייער,
אַן אינערלעך פארלאנג:
אַ כאַפּ טאָן דיך און קושן,
קושן אזוי לאנג.

מיר זיצן פון דער וויטן,
דער לעמפּל אין דער מיט,
פארדרוס ווערט אזוי פיינלעך,
דו שוויגסט און ענטפערסט ניט.

טוט ווער א צי דאָס גלעקל,
א כאַפּ געטאָן זיך פלינק,
א וואָלקן דורכגעגאנגען —
עס ווערט אונז ביידן גרינג.

באַם לויטערן וואַסער

פֿאַרטאָג, באַם לויטערן וואַסער,
אין גרינעם פֿאַרשפּונען אַ וועלט.
עס באָדן זיך ליליעס, ווייסע,
ווי ליכט אין אַ מקדש צעהעלט.

דאָרט פֿליען די בינען געגאַרטלט
צום בינשטאָק מיט זשומענדיק פֿרייד.
עס רופֿן די הימלען — קומט אַלע,
עס שטייען געצעלטן שוין גרייט.

פֿאַרטאָג, באַם לויטערן וואַסער,
מיט פֿאַרבן פֿון אָראַנזש און ראָז,
שפּיגלט זיך אָפּ און עס טיפֿערט
דער וואַלד דורך אַ צויבערנדיק גלאָז.

עס קומען אַרויס האָרעפּאַשנע
צום ליכט, אויף די ווייצן צעהעלט,
און ווינטן מיט בשמים אַנטקעגן
באַגריסן די ליכטיקע וועלט.

פֿאַרטאָג, באַם לויטערן וואַסער,
קומט אַלע געשפּאַנטע אין פֿרייד.
עס רופֿן די הימלען — קומט אַלע,
עס שטייען געצעלטן שוין גרייט!

מיין טורעם

איך האָב א טורעם זיך געבויט,
ניט פון שטיין און ציגל;
פון א חלום, ליכטיק, ריין,
פון א זעל מיט פליגל.

כ'האָב א נאָמען איינגעקריצט
פון מיין טיפן בענקען;
אלע ווענדן זיך צו איר,
אלע זי געדענקען.

כ'האָב ארויסגעלאָזט פון שלאָג
אלע ווייסע טויבן;
בלויז די פרייהייט פון מיין זיין
איז מיין שטאַרקער גלויבן.

כ'האָב א ליכט אין טורעם מיין,
ברענט עס העל אָן רערן;
ס'וועט אויך ברענען לאַנג אזוי
צווישן העלסטע שטערן.

●

אַף שפּאַציר

אזא שיינע, בלויע נאַכט —
איך זיץ און וואַרט אַף דיר.
ס'איז דער דרויסן אזוי שטיל,
קום אַף א שפּאַציר.

איך הער דאָס רוישן פון דיין קלייד;
לבנה שווימט פאַרביי,
ליכטיק ווערט מיין קליינע שויב.
עס שמעקט ארום מיט מאַי.

איך זוך דיך אום און וואַרט אַף אַף דיר.
עס קלאַפּט ווער אין מיין טיר.
דיין שטימע, יאָ, איך האָב דערקאָנט.
קום, ליבסטע, אַף שפּאַציר.

אַ בריוו

אָוונט־הימל שרייבט א בריוו.
שטערן — ווערטער, גאָלד און פלאַם.
יעדעס וואָרט איז אזוי טיף,
טיפער פון דעם שווארצן ים.

לעז איך לאנג דאָס וואונדער־בריוו,
ביז איך ווער אזוי גערירט,
פרייד, און צער, פארגעסנהייט,
פון דער אייביקייט דיקטירט.

און איך לעז אזוי און לעז
יעדן שטערן מיט א ברען.
קיין חידושים מער ניטאָ,
אלעס, אלעס שוין געווען.

פאלט א שטערן ווען אראָפּ
פון דער הויכער שטערן־ריי,
ברענט מיין נייגיר אזוי שטארק —
זיי א חכם און פארשטיי!

•

נאָקטורן

פידלען, וויאָלאָנטשעלאָס און פאגאטן,
נאָקעטע פארבויגענע די צווייגן,
אָוונט האָט די שטערן שוין צעשאָטן,
ווײנען ווינטן, בלייבן גאָר ניט שווייגן.

ציטערן די דראָטן אף די טראקטן,
שרעקט א באן די ווייטן פון דעם וואלד,
ציטערן די טענער אָפּגעהאַקטע,
פאלט פון אויבן א מעטעאָר און פאלט.

הילכט די נאַכט זיך טיפער אין איר חושך
און באהאלט די שטערן — וויט צעשאָטן.
ווײנען פידלען האַרציק, ווי די קינדער,
וועקן טרויער אין אָוונט די פאגאטן.

מײַן האַרץ זינגט

זאָל זײַן שטיל — עס זינגט מײַן האַרץ
א נאַכט געזאַנג.
די שטערן קוקן דורך מײַן שויב,
דאָס רערל ברענט אַזוי אינטים,
דער זײגער שלאָגט
און צײלט מײַן פּולס.
ס׳איז שטיל. מײַן האַרץ זינגט
דאָס נאַכט־געזאַנג.

ווי ווײַט איז פון מײַן שטוב צום פּאַרק?
דאָרט שלאָפן הוילע אויף די בענק.
דער אָוונט קוקט אַזוי געקרוינט
מיט קאַלטער קרוין פון שטערן גרין,
ווי אין א שוואַרצער וועב פאַרשפּינט,
די הונגעריקע ניט געוועקט,
מיט צײַטונגס־פּאַפּיר צוגעדעקט.
צעקאָפּנס? עי, ניט פרעג, ניט פרעג...
דער אָטעם, ווי א שאַרפע זעג,
שלאָף אוים — שלאָף אײַן, שלאָף אוים — שלאָף אײַן...
מײַן האַרץ זינגט פון א וועלט מיט פּײַן.

נאָך שענער ביסטו היינט

נאָך שענער ביסטו היינט, מיין לעבן,
אזוי פיל זון, אזוי פיל ליכט,
אין דיינע זוניקע געוועבן
ווערסט דער עצם פון מיין ליד.

עס ווערט מיר קלאָרער וואָס פארהוילן
אונטער דיין שלייער האָסטו לאנג,
ווען הארבסטיק אלעס הויבט אָן פוילן,
פארנעמט מיין הארץ שוין ניי געזאנג.

נאָך נעענטער פיל איך דיין בארירונג,
נאָך האָפערדיקער, ווי דער רויש פון ים,
דו ווערסט מיין זעלעס צירונג,
ווי א בלום אין הארבסט צעפלאמט.

נאָך שענער ווערסטו מיר, מיין לעבן,
ווען מיינע טעג, די קארגע טעג,
אין דיינע זוניקע געוועבן
באשירעמען מיין שטרויכל־וועג.

כשוף־שפּיל

אויפגיין וועל איך, ווי א חלום, ביז די הויכן,
שטערן וועלן טוליען זיך צו וואָלקנס,
ווינטן וועלן קעמען גרינע גראָזן,
כ׳וועל מיין פּנים אין דיין בלויען טוך באהאלטן.

ס׳וועט דער טייך די קלאָרע שטערן וויגן,
ס׳וועט דער וואלד זיין שטילן הלל זאָגן,
איבער פרעירים האלב־נאקעטע און רויע
וועלן גאָלדיקע ווייטן טאָגן.

טיפער וועל איך אין דיינע סודות דרינגען,
מיטן פלאקער אין הארצן, ווי א לאמטערן,
מיט דיין שיינקייט וויל איך זיך באהעפטן,
ביז נאטור וועט שפּילנדיק מיך אליין פארצערן.

זומער־טעג

דער זעלטענער פרישער באַגינען,
מיט גרינע אָן־סוף׳יקע ווייטען,
מאַרמאָר־געשליפענע וועלטן
מיט עכאָס פון זילבערנע פלייטן.

די פאַרמערשע שטיבער און גאָרטנס,
און ווייטער, דער וואַלד דער סאָסנאָווער —
איך שטיי א פאַרגאַפטער פון שיינקייט,
איך שטיי א צעקלעמטער פון בענקשאַפט.

עס וויגן זיך בוימער און רוישן
מיט זילבערנע פעדים די בלעטער,
די זוניקע רעדער צעיאָגטע,
פון פייער צעגאָסענע געטער.

אריבער די גאָלדענע ווייצן,
אריבער די שפּינוועב פון בלומען,
וואָלקנס זיך בייטן און פאַרבן,
פאַרשווינדן און אנדערע קומען.

וועלטן, איר שיינע און ליבע,
פון פריידן, פון צער און ניט־ווערן —
אזוי פיל דערפרייאונג און גלויבן,
אזוי פיל פאַרצווייפלונג און טרערן.

און אפשר בין איך שוין געוועז

און אפשר בין איך שוין געוועז
און האָב דאָס אַלעס שוין געזען —
דעם זון־פאַרגאַנג, דעם ברייטן טייך,
די ווייסע פֿויגל אין בלויען ריידּ.

און אפשר איז גאָר מיין געביין
פֿון ווייסער רויז און זונען־שיין,
וואָס האָט געבליט אין גרינעם טאָל —
און כ'לעב אין וועלט דאָס צווייטע מאָל.

און אפשר זינג איך דאָס פֿון לאַנג,
דאָס ליד פֿון אייגענעם פאַרגאַנג,
ווען בליט פֿון ווייסער רויז מיט גליק
באַנייט דעם פֿרילינג מיט פֿרייד צוריק.

●

מיין פֿרייד

מיין פֿרייד איז אַ בליץ אין זיגזאַגן,
אַ בלוטיקער שניט אין דער וועלט,
אַ חלום וואָס ווערט באַלד פאַרפאַלן,
אַ ציל וואָס האָט ווייט זיך צעהעלט;

אַ קלייניקייט, גאָר אומבאַדייטנד,
אַ ייִדענער שמייכל פֿון קינד;
מיין פֿרייד טוט אַ שפּרונג אַפֿן בוזים,
אַ צערטלעכער קוש — און פאַרשווינדט.

מיין פֿרייד איז אַ קוק אַזאַ שאַרפֿער,
וואָס עפֿנט דאָס האַרץ אַזוי ריין
און טוט מיך אַ הייב צו די הויכן,
וואו כ'קאָן זיך פאַרגעסן אַליין.

שווייגן

שטילער, שטילער ציט זיך לאַנג דער אָוונט,
זיידענע פֿאָרהאַנגען האָט די נאַכט צעהאַנגען.
זיצן מיר און ווערן אַזוי נאָענט,
פֿלאַקערן די הייליקע פֿאַרלאַנגען.

גאַסן מידע שלאָפֿן צווישן ווענט,
אויף אַ שיפֿל יאָגט זיך די לבֿנה,
אויף די וואָלקנס לופֿטיקע געצעלטן,
ווי חלומות, זיינען לאַנג צערונען.

טוליען, טוליען מיר זיך איינס צום צווייטן,
אַזאַ אומעט ליגט צווישן ביידן,
און עס שמייכלען ווייטע שטערן רויטע,
צאַרטע פֿינגער גלעטן זיך און רעדן.

•

אָוונט

אָוונט לייגט זיך אויף די ברעמען —
קום און שליס די אויגן צו.
צווישן אַלע פֿיינסטע נעמען
וועל איך אויך געפֿינען רו.

זאָל מיין האַרץ ניט טאָן קיין צאַפּל
בײַ דעם לעצטן שאַרפֿן ריס,
צו דעם ווייטסטן הויכן שטאַפּל
זאָלן דינען מיינע פֿיס.

און דערנאָכדעם — שוין אַריבער,
אונטער ערד־שיכט, אונטער שטיין;
צווישן שטיינער, אין די גריבער
וועט מיין שטויב ניט זיין אַליין.

זיגזאַגן

פֿאַראַן אַ וואָרט אַזאַ
וואָס עגבערט און פֿאַרשעמט.
פֿאַראַן אַ קוק אַזאַ
וואָס כּשופֿ'ט און דערנענט.

פֿאַראַן אַ קוש אַזאַ
וואָס פּייניקט ביז צוםביין.
פֿאַראַן אַ פֿרייד אַזאַ
וואָס וויינט אויף זיך אַליין.

פֿאַראַן אַ פֿרייד אַזאַ
וואָס גרינגערט דיין געמיט.
פֿאַראַן אַ וועג אַזאַ
וואָס פֿירט דיך און פֿאַרפֿירט.

פֿאַראַן אַ שטים אַזאַ
וואָס וואָרנט און זאָגט אָן.
פֿאַראַן אַ שרעק אַזאַ
וואָס יאָגט דיך שטענדיק אָן.

פֿאַראַן אַ זון וואָס גליט
און דיינע טעג צעהעלט
פֿאַראַן אַ פֿרייד אַזאַ
וואָס באַנייט די וועלט.

די זון באַ מיר צוגאַסט

די זון האָט זיך צו מיר פאַר'גנב'עט,
ארויף אף די שטיגן גאַנץ הויך;
פון זילבערנע פּאַסן איר מאַנטל,
פאַרמאָגט זי א ריזיקן כוח.

א קוק געטאָן פריילעך אין פענצטער,
גוטמוטיק אזוי זיך, גאַנץ פריי,
צעשמייכלט זיך איבער די בוימער,
וואָס זיינען באַהאַנגען מיט מאַי.

נו, בין איך דאָך שטענדיק פאַרנומען;
כ'טראַכט זיך: וואָס גייט עס מיר אָן
דאָס ליכט און דאָס שפּיל מיט די פינגער
פון גליאיקער, אייביקער זון?!

עס האָט זיך די זון ניט באַליידיקט —
גוטמוטיק, מיט גליאיקע הענט,
דערלאַנגט מיר א פינקל אין פּנים;
כ'האָב פאַר די ווענט זיך פאַרשעמט.

●

פאַרן שטורעם

ווי שוואַרצע שאָף טרייבט אָן פאַרנאַכט
אין הימל־בויג. מיט רעגן שמעקט שוין.
די ווינטן האָבן זיך צעלאַכט,
די וועלדער שטייען האַלב־אַנטפּלעקטע.

די בלעטער בלוי און ווייס און רויט —
זיי הויבן זיך און פאַלן ווידער,
ווי טשאַטעס פויגל פאַרן טויט,
וואָס זינגען אויס די לעצטע לידער.

די בליצן שאַרפן אין זיגזאַג
דורך תהום פון פייערדיקע ים'ען.
דער דונער שפּאַלט אף צוויי מיין האַרץ
און צינדט עס אָן מיט שטורעם־פלאַמען.

דאָס לעבן אין דאָרף

דאָס פעלד שטייט שוין נאַקעט.
אָן־סוף'יקער שטח.
די ווינטן זיי רייטן
אויף טרוקענע בלעטער.

אַ זשמעניע מיט געסלעך,
אַ צווינטער אינמיטן.
דער הימל צוקאָפּנס
אַ קרייץ אַ צעגליטער.

דער טייך פאַלט אַראָפּ
אויף די פעלזיקע שטיינער.
די שטעכעלקעס רויטע
מיט בליציקע קרוינען.

די זון אַ צעבלוטיקטע
קלעטערט אויף פּלויטן.
פון יענער זייט בערגלעך
פאַרלעשט זי די קנויטן.

די געלע בהמות
מיט דאָרפישן טרויער.
זיי ווערן ווי כמאַרעס
אין ווייטקייט פאַרלוירן.

די שטילקייט זי וויגט זיך,
ס'ווערט אַלעס אַנטשוויגן.
דער דאָרף וועט פאַרציִען
זיין איינזאַמען ניגון.

מיינע לידער אין העפט

כ׳האָב אויסגעזונגען מיינע לידער
אין העפט, אַף בלעטער פון פּאַפּיר.
איצט גיי איך אָפּ פון אייך אַ מידער,
פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר.

עס טרעפן מיך אין וועג די שטערן,
דער ווינט, דער טיפער ווייסער שניי —
זיי זינגען איבער מיינע לידער,
וואָס ליגן אין מיין העפט מיט וויי.

איך לויף דורך גאַסן און דורך פּאַרקן,
דורך רויש און שימער פון דער שטאָט —
און זיי דערמאָנען מיינע לידער,
אויך זיי באַזינגען מיר מיין גאָט.

איך לויף צו אָרעמע און שוואַרצע ווינקלען,
וואו נויט באַהערשט און נאַכט פאַרדומט —
אויך זיי דערמאָנען מיר די לידער,
וואָס ליגן אין מיין העפט פאַרשטומט.

מיין ניגון

גרינע זאנגען, גרינע כוואליעס —
ס'וועלן ווינטן זיי פארווינגן.
כ'האָב מיין צער אויך איינגעשפּונען
אין דעם יום־טוב'דיקן ניגון.

אפן גרינעם מאָך פון בוימער
וועט זיך אָפּשפּיגלען דער מאָרגן
וועלן צוויינגן מיר אנטפּלעקן
וואָס דער שטאָם האָט לאנג פארבאָרגן.

ס'וועט אויך שפּרודלען דורך די פינגער
אף מיין אקער, אף מיין שייער.
פון דעם סנה וואָס קאָן ניט שטארבן
וועט א שפּריץ טאָן העליש פייער.

●

עס לויפט די באַן

עס לויפט די באַן צום פלאטערדיקן אָוונט.
די ווינט־מיל שפּרייט די פליגל צום פארגאנג.
יעדעס בילד, וואָס שווינדלט אָפּ, ווערט נאָענט;
עפּעס טוט מיר אזוי האַרציק באַנק.

איך בין פארבייגעגאנגען פּופּציק האַרבסטן,
פּופּציק זומערס האָבן שוין פארבליט.
און מיין וועג דער שווערער רויט געפארבט איז,
יעדער חלום — אָן אָפּגעוועלקטער בליט.

די זון, די זון — זי האָט מיר פיל פארשפּראָכן...
מיין לעבנס־טאָג פארגייט אף טונקעלער ערד
מיינע האָפענונגען ליגן שוין צעבראָכן,
און מיינע טרוימען — רויך פון פייערוועַרק.

די בלייכע רויז

בלייכע רויז, שטילע רויז,
כ'וואָלט נעמען אין מיין הויז —
שטייט מיין הויז האַרט באַם ים;
ס'איז קיין שלום ניט פאַראַן.

ס'לויפן כוואַליעס פאַרביי שוואַרץ,
ס'טראַמפּלען ווינטן אין מיין האַרץ.
שפּילט די נאַכט אַף איר פליט
בלויז ניגונים פון נויט.

פליען פויגלען ווען אָן,
טראָגן ליכט פון דער זון,
צינדן אָן מיינע ווענט
און איך זע ווי עס ברענט.

בערנט מיין וועלט אינמיטן ים,
און מיין הויז איז אויך אין פלאַם.
ס'איז דער שטורעם אַזוי גרוים —
ניטאָ קיין שלום אין מיין הויז.

צו די בוימער

איר בוימער, איר זיינט מיינע פריינט,
צו אייך וועל איך זינגען דאָס שענסטע.
ווי שיין אייער רוישן איז היינט,
מיט בלעטער, מיט גרינע געבענטשטע.

די זון קומט צו אייך זייער פרי
און זעצט זיך אף אייערע צווייגן.
די פויגלען אין הימלשן פלי
באַהאַלטן אין נעסט זייער שווייגן.

די ווינטן פאַרקעמען אייערע קעפּ,
די רעגנס אייך צוואָגן און וואַשן,
די פייגל, אין טענער פון גאָלד,
די ריינסטע מעלאָדיעס פּאַסן.

דער רייכסטער און זאַפטיקסטער דופט
גיסט זיך אין הארצן ווי בוימל.
דער הימל זיין בלויקייט פאַרשפּרייט
און גרינג איז אייך, גליקלעכע בוימער.

איך קום צו אייך, בוימער, און שאַף,
שאַף מיינע לידער, די דינע,
שפּין פון דעם גרינס און פּאַרפיום
אַ זעלטענע איידעלע שפּינונג.

אַ וואָרט אַזאַ

איך האָב אַזוי פיל נאָכגעדענקט און נאָכגעזוכט,
אַ נייעם אויסדרוק, אַזאַ מיין וואָרט געפינען,
צו באַצירן און באַקליידן דיך.

איך האָב ארומגעזוכט אַ מאַנטל אַזאַ הימלישן,
אַ שטערן אַזאַ ליכטיקן, אַ טראָפּן אַזאַ פאַרביקן,
און פליגל געטלעכע צו פליען.

זיינע אַלע ווערטער אויסגעדראָשענע,
אַלע פאָרמען אויסגעגאָסענע,
אַלע לויבן אַזוי געבעכדיק,
אַלע קלאַנגען אויסגעקלונגענע,
אַלע שטאָפן ניט קיין אייביקע.

בין איך אַוועק צום ים צום אייביק־גייענדן
זיך איינגעוויקלט אין דער נאַכט דער אייביקער,
זיך אָנגעטרונקען מיט לבנה־ליכט אַ שמאַכטנדער,
די אויגן איינגעגראָבן אין כוואַליעס שוימענדע,
מיין האַרץ פאַרנומען האָט געזאַנגען ים׳ישע —
און בין שטום געבליבן, ווי דער ספינקס אין מדבר זאַמדיקן.

אױף קאַנאַדער פּרײריס

.1

נאַקעטקײט אױף װײַטע פּלײנען.
צופּן נאָך די שעפּעלעך די פּאַשע.
רעגנס װעלן קומען, גרױסע רעגנס,
און די זומער־טעג פּאַרװאַשן.

פירן כמורנע פּאַרמערס
בהמות אױף דער פּאַשע...
דערשראָקענע סאָראָקעס
צעשױבערן די שטילקײט.
עס שטאַרצט אַרױס אַ װינטמיל
מיט אָנזאָג פון אַ ישוב.

.2

װײַטע אומעטיקע פּרײריס װעלקן,
גײט דער האַרבסט מיט געלע טריט.
רויִע װינטן זינגען לידער.
שטיקער כמאַרעס גײען אױף און קומען.

כ׳נעם צענויף װאָס איז פּאַרבליבן אױף די סטעזשקעס,
ערגעץ װײַנט פּאַרשאָלטנקײט אין קאָרן.
מיט שאַרפע הערנער קריצט אין לופטן אַ בהמה.
טריפט אַ רעגן און עס קלאָגן נאָך די װינטן
איבער װײַטע אומעטיקע פּרײריס —
און עס גלאָצן אין דער לופטן שעה׳ן שװערע.

נאַקעטער וואַלד

נאַקעטער וואַלד, נאַקעטער וואַלד —
וואו איז דיין זילבער, דיין בראַנז און דיין גאָלד?
עס שלאָפֿן די עכאָס, עס דרעמלען די וועגן.
קיינער וועט היינט דיר ניט קומען אנטקעגן.

דער טאָג און די נאַכט, זיי באַוואַכן דיין גרויס,
די וואָלקנס, ווי נאָנעס, זיי קומען אַרויס.
די שטערן, ווי לאָמפּן פּארקילטע אויף ווענט,
לבנה, זי שפּרייט אויס די בייניקע הענט.

דאָך הערט זיך אַ שאָרך פֿון אַ צווייגן־געפֿלעכט —
עס וועקן זיך שוואַלבן צום נידער פֿון דר׳ערד.
עס האָבן זיך וויינטן אויף לאַנקעס צעלאָזט,
עס האָבן זיך שטערן, ווי פֿונקען, צעבלאָזט.

האָט אַ טרייסל געטאָן זיך דער וואַלד מיט אַמאָל.
דערוואַכט האָט פֿון טיפֿן אַ זילבערנער קול.
דערוואַכט האָט די זון, געמאַכט אַלץ אַזוי גראַם —
דער פֿרילינג, ער קומט מעבר־לים.

בילדלעך

עס לויפט פאַרביי אַ וועווערקע און טראָגט אין מויל אַ ניסל.
די קאַץ, זי צערטלט זיך אין ליכט און וואַשט דאָס ווייַכע פּיסל.
דעם שכנ'ס מיידל גייט פאַרביי מיט סאַמעטענע שיכלעך,
אירע באַקן — זונען צוויי, צו באַשרייבן אין די ביכלעך.

געמיטלעך גיי איך דורך די גאַס. די לופט איז אַזאַ פרישע.
אין יעדער טיר, אין יעדער שויב מיך שוועסטערלעך באַגריסן.
„גוט מאָרגן, הער!" „גוט מאָרגן, סער!" דער הימל איז אַ ריינער,
אין ליכט און שאָטן שפּילן זיך די שלאַנקע, בראָנזנע ביימער.

די קראָמען, שעפער, שוי־פענצטער, מיט אַלדאָס גוטס פאַר קונים,
דער בלינדער מיט צייטונגען, מיטן שמייכל אויפן פּנים;
פּאָליסמאַן שפּרייזט מיט פולע טריט, פאַררוקט דאָס בלויע היטל,
דער בעטלער זיצט באַם גרויען ברוק און קוקט אַף אַלץ מיט ביטול.

•

ווייכע ליכט

אין דעם גאָרטן שימערירט ווייס און פלאַטערדיק אַ ליכט.
ברענען זוניק אַלע צווייגן, און די גרינע ביימער שווייגן.
זייגען סטעזשקעס דאָרט פאַראַנען, טרעפן מיר זיך דאָרט צוזאַמען,
זי, מיט לויטערן געזיכט, אימער ווייס אין גרינעם ליכט.

כאַפּט דער ווינט אויף אונזערע רייד, איבער ווייטן שפּרייט זיי אויס,
אויב ס'איז טרויער אָנגעווייט, טרינקען דאָס די טויען אויס,
פון באַגינען צו באַגינען זינגען פייגל, זינגען בינען,
כאַפּן עכאָס אויף די טענער און זיי ענטפערן נאָך שענער.

טאַנצן ווייסע זילבער־ליכט, און די ווייטקייט שימערירט,
פון באַגינען צו באַגינען זאָל דער חלום ניט צערינען.
זי מיט לויטערן געזיכט, שטענדיק ווייס אין גרינעם ליכט.
ברענען זוניק אַלע צווייגן און די גרינע ביימער שווייגן.

דער אָטעם פון דערוואכונג

אקאציע, בעז, צי ווײנשל־בליט
טרינקט אָן, פארשיכור'ט מײן געמיט;
אױף יעדער רױז, אױף יעדער קװײט
װאָלט זון איר חלום אױסגעשפרײט.

אױף װעלכן קוסט, אױף װעלכן בױם
הענגט שענער יענער װאונדער־טרױם,
װען הארץ דערשפירט די מײסטער־פרײד,
װען צונג װערט שטום און גאַפט אָן רײד?

בא װעלכן קװאַל און קלאנג און רױש
שפרײט רױם זײן בלױען אטלעס אױס,
און דעקט מיט רו אַלץ צו װאָס יערט,
און מאכט ניט רײכער אונזער ערד?

א װעלכעם אױג, א װעלכעם הארץ
װעט ניט דערפילן די װאונדער־מאכט?
דאָך זײנען זײער פיל פאַראַן
װאָס זײער װעלט איז פול מיט סם.

מיט װעלכן קלאנג, מיט װעלכער פארב
האָט טיף א װאָרט זיך אײנגעקארבט,
דורך מײסטער־פינגער און צאַרטן ריר
די אײביקײט אנטדעקט אין מיר?

אַפֿן וואַנדער

פֿילע לענדער דורכגעגאַנגען,
אויסגעטראָטן אַלע מערק,
אויסגעביטן מײַנע טרוימען
אויף דעם שטיקל ברויט פֿון ערד.

אײַנגעאָטעמט אַלע שטויבן,
אויסגעשוויגן בייזע רייד,
מײַנע ווינקלען אָן אַ גלויבן
און מײַן לעבן אָן באַשייד.

פּופּציק זומערס ניט־געבענטשטע,
פּופּציק זומערס אויסגעבענקט;
מײַן פֿאַרמעגן — וואונטשן שענסטע,
מײַנע פּערל אויסגעטיילט.

האָט זיך פֿילעס שוין געביטן
אויף מײַן שווערן וואַנדער־וועג,
אַלטע שטרויכלונגען פֿאַרמיטן,
זון פֿאַרגיטיקט מײַנע טעג.

איבער דעם ווייסן בריק

איבער דעם ווייסן בריק, איבערן ווייסן טאָל
ליגט פאַרנאַכט א בלויער און גאַפט פון בערג מיט שניי.
פאַבריקן גאַרגלען אויס: „איר מעגט שוין גיין אהיים"!
דאָס רויטע בלוט פון טאָג פליסט ערגעץ ווייט אוועק.

אַף ווייסע פליגל טראָגט דעם אומעט פון פאַרנאַכט
א טשאַטע פייגל ווילד פון ברענענדיקן לעיק.
דער טאָג איז שוין צו ענד, די ווינטן פליען אָן,
עס ציט זיך ווייט דער בריק איבערן ווייסן טאָל.

אומהיימלעך סקריפען שווער די רעדער אפן בריק;
ווער ווייסט וואָס פירט מען דאָרט: דעם טרויער, צי די פרייד?
די זון, די זון האָט זיך אזוי צעגליט,
ווי צום לעצטן מאָל מיט וועלט וואָלט זיך געשיידט.

איך פאָר פאַרביי דעם בריק, און עפּעס אין געהיים,
פון ווייסן טאָל ארויף א שטימע זינגט גאַנץ שטיל.
צי זינגט דער ווינט אזוי? און אפשר גאָר א קינד?
און אפשר זינגט מיין הארץ אזוי און ווייסט ניט וואָס עס וויל.

זוניקע פאַסן

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג —
די שטאָט איז נאָך געשלאָפן,
איבער דעכער האָט באַגינען
ס׳ערשטע ליכט פאַרוואָרפן.

אַ פּאַס אַהין, אַ פּאַס אַהער,
מיט בלוי שטאָל־גלאַנץ פון ניקל.
ס׳האָט זיך פון דער מזרח־זייט
אַ ברייטער פלאַם צעוויקלט.

עס האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט פלאַם
מיין ווייסער קאָפּ, מיין שטערן.
מיין צונג געברענט האָט אַזאַ וואָרט,
וואָס האַלט נאָך אין דעם ווערן.

מיט קופּער־מעש און זיילן ליכט
האָט טאָג אַף ערד גענידערט.
נאַטור אַליין מיט פאַרב און פלאַם
האָט אויפגעטוכט מיט לידער.

מיין גאָרטן

פאַראַקערט מיין גאָרטן, פאַראַקערט.
דער ווינט האָט די קערנער פאַרזייט.
די זון האָט מיין גאָרטן געצערטלט,
מיין אַרבעט מיט שוויים און מיט פרייד.

וואו נעמט מען די ברכה פון רעגן?
מיין האַרץ איז שוין מיד פון דעם שטויב.
איך וואַרט אויפן אויפגאַנג מיט קלאַנגען,
איך וואַרט פון מיין פּראַצע דאָס לויב.

עס שווייגן די פויגל די מידע.
עס בלאַסט נאָך מיין טויאיקע פרי,
עס בלאָזן שוין פראָסטיקע ווינטן —
אויף אייביק פאַרלאָרענע מי...

עס יאָגן זיך זילבערנע שטורעמס.
איך קוק אויף מיין אַקער און שטוין:
וואָס פון מיין גאָרטן וועט ווערן,
ווער וועט פאַרהיטן מיין לוין?

מיטן פייער פון דיינע אויגן

ווייכע טריט מיט סאמעט־שיכלעך —
אזא פרומקייט אין דיין גאנג,
אזא הייליקייט צעליכטיקט,
גאָר דיין קערפּער איז געזאנג.

זונען־ליכט באַביידע זייטן,
טעמפּלען בלויע, ווייט און דין.
ווייסע מאָרגנס, גרינגע, רייטן,
ווייסט עס קיינער ניט וואוהין.

פרידלעך ביידע הענט געפּרעסטע,
א שליחות לאנג דערוואַרט;
מיטן פייער אין די אויגן
באַגעגענט זי די נאַכט.

פרומע ליפּן, דינע שמייכלען,
קוים צו הערן אירע רייד,
וואָרט אין פריידיק שטראל געטרונקען.
זוניק וועזן, זאָג דיין באַשייד.

זומער-רעגן

גרויע, וואָלקנס רייטן, רייטן,
זומער־רעגן לויפט פון ווייטן,
דונער האָט זיך שוין צעריסן,
בליצן אין זיגזאגן שיסן.

דורך די גאסן, דורך די פארקן,
זומער־רעגן — שטארקער, שטארקער,
אף די וועגן, אף די שליאכן,
אף די פעלדער אף די רייכע.

וואקסן בלומען פרישע, נייע,
זיינען בוימער זיך מחיה
און עס פלייצט די גאנצע געגנט
מיט זומער־הוליענדיקן רעגן.

לויפן מענטשן אונטער שירעמס,
קלאָרער ווערט א ווינקל הימל,
ס'האָבן וואָלקנס זיך באהאלטן,
כאפט דער פארק א שטילן דרימל.

עס איז מיר גענוג

דער קלײנער חלק פֿון מײַן לעבן —
א װעלט מיט בלוט און פֿײַער,
א װינקל, פּעדער און פּאַפּיר,
א ליד, א ליד א נײַע.

א שטראָם מיט ליכט, א זעלטן װאָרט,
א בילד װאָס קאָן דערהױבן —
גענוג, עס מאַכט מיר רײַך די װעלט,
גענוג פֿון מײַנעטװעגן.

א פּנים, א גוטמוטיק אויג,
א װאַרעם ליכטיק שמײכל —
פֿון װינקל קלײן, פֿון װינקל שײן
װאַקסט אױס דער רײַכסטער היכל.

דער אָרעמער חלק פֿון מײַן װעלט,
א װעלט מיט בלוט און פֿײַער;
מײַן חלק אַזאַ אָרעמער,
דאָך איז עס אַזױ טײַער.

דו ביסט מיר געפעלן

(פאָלקס־מאָטיוו)

כ׳וועל דיך נעמען ווי דו שטייסט,
כ׳דאַרף קיין גאַרדיראָבעס,
פון די וואָכעדיקע טעג
וועלן מיר מאַכן שבת.

איך וועל גראָבן פלאַכע ערד,
דו וועסט קערנער זייען;
קוקורוזע, קרויט און ברויט
וועלן אונז דערפרייען.

אָן א חופה, אָן א רינג,
אָן צו ברעכן טעלער
שפּילן וועלן חתונה
דיינע אויגן העלע.

וועלן קינדערלעך אין שטוב.
טאַנצן אַף די שוועלן.
קום, איך נעם דיך ווי דו שטייסט —
דו ביסט מיר געפעלן.

די ראָד

די נשמה איז מיין גאָט,
די געדאנקען — פּעדים,
שפּינט זיך אויס אזא געוועב
פון שפּילעוודיקע פּעדים.

זיצט מיין גאָט אין גאָלדענער טיט
פון בלענדנדיקע ספערן,
און דער אומרו ווערט ניט מיד
צווישן רויטע שטערן.

די געדאנקען זיינען דין,
די געפילן דינער,
אין דעם געטלעכן געוועב
ליגט דאָס הארץ פון שפּינער.

דרייט זיך, וועבט זיך גיך דאָס ראָד
אין דעם שוואונג פון ספערן.
דאָס געזאנג בלויז אין א טרוים
א קליינטשיק קינד קאָן הערן.

אָונטשפּיל

דער שלאָף — ער גייט פון מיר אוועק,
דער ווינט — ער וויינט זיין לאנגן זמר;
די נאַכט מעסט אוים די פינצטערניש
מיט טיפע שפּיגלדיקע עמער.

דער שניי — ער קושט מיין בלויע שויב.
עס שרעקט אזוי מיין וויטער שפּעטער.
דער ווינט די בוימער האָט בארויבט,
געלאָזט פארלירן א פּאָר בלעטער.

ס'האַלט פעסטער צו די קארגע שעה
מיין מזל אונטער פרעמדע שלעסער.
און קיינער איז מיט מיר ניטאָ,
בלויז צייט מיט פייערדיקן מעסער.

באַזונדער

איך טייל זיך אויס פון גאַסן־רויש באַזונדער
צום טייך אַראָפּ וואו ס'ענדיקט זיך דער בריק.
איך גיי אַהין באַרוישט פון העלן וואונדער,
צום פעלד צעהעלט, וואָס פאַנגט מיך און אַנטציקט.

איך צאַם זיך אָפּ מיט צאַם פון גרינע קליאָנען,
דאָס בלוי געוועלב געבויגן ביז דעם גרינעם גראָז.
גיט אומעטום איז רואיקייט פאַראַנען.
איז שטיל, וואו שטאָט פון טומל לאָזט זיך אויס.

פאַראַן אַ שעה, וואָס לאָזט זיך טיף פאַרקלערן,
איז ריין די לופט, די וואָלקנס ברייט און ווייס,
און בלויז פון ערגעץ אַ זשומען לאָזט זיך הערן
און פריי דאָס האַרץ פון זאָרגן ווערט דערלייזט.

טעג געוועזענע

טעג געוועזענע, זיי זיינען אזוי ווייט,
אומעטיקע, כמורנע, ווי שרעקעוודיקע קינדער,
דאָך פול מיט רייץ, מיט ווייטיקדיקער פרייד,
דערמאָנען אין די ליכטיקע מינוטן פון מיין יוגנט.

די גרויע הויז, די הויקערדיקע ווענט,
די בייזע ווינטערס, די שנייאיקע זאנאָסן,
א פולע שטוב מיט קינדער בלוי און בלויז
און מיין טאַטנס מלמד׳ישע פרנסה.

מיין מאַמע הוסט און לעבט מיט מעדיצין,
דאָך שטענדיק נייט זי קליידעלעך און הויזן,
און שטענדיק מיט א ליד פון גאָלדפאדענס א שפיל,
א הארציקע געזאנג פון דערנער און פון רויזן.

אין גרויע, קרומע ווענט א האָפענונג שטענדיק שיינט,
א נאָענטקייט א ווארעמע, א ליבשאפט און א גלויבן.
טעג געוועזענע, נאאיווע קינדער־טעג,
זיי האָבן אויסגעוועבט מיין חלום׳ס רעגנבויגן.

אין מיטן וועג

עס בלייבן שוין צעגליטע רויטע ווייטן,
גרויע וואָלקנס שלינגען איין דאָס ליכט.
ווייזערס יאָגן זיך נאָך אייביקייטן,
ס'האָט א שטערן וועגן עפּעס זיך פאַרטיפט.

אין בלויע פלאַמען גוסס'ט אויס מיין לעמפּל.
מיין מידער קאָפּ מיט ווייסן צוגעדעקט.
א יונגער זקן, פון שווערער צייט געשטעמפּלט,
א רויטער קוש אף קראַנקער באַק זיך פלעקט.

דער מערב וואָלקנט זיך באַם אונטערגיין.
א קילער ווינט צעיאָגט זיך אף געיעג.
וועלט, מיין וועלט — ווער וועט עס דיך פאַרשטיין?
עס קירצן זיך מעסלעסן אף מיין וועג.

היימישער מאָטיוו

דער טאַטע האָט געקויפט א פורל האָלץ,
ווען ס׳האָט פאַרטאָג א נאַסער שניי געשמיסן.
דער ווייסער פויער פאָרט אריין אין הויף,
סקריפען פון דעם טויער די זאַוויסעס.

עס קומען אַלע שכנים זיך צענויף.
עס גרייכט דער שניי דער טיפער ביז די קני.
קוקט מען און מען שאָקלט מיט די קעפ,
שאַצט מען אָפ די זעלטענע מציאה.

פון דעם פערדל שלאָגט די פאַרע וויים.
עס זיינען שוין די האָלצהעקער געקומען.
אומעטיק וועט זינגען לאנג די זעג
מיט פאַרוויינטע וואַלדישע ניגונים.

דאָס ניט פאַרענדיקט ליד

עס שמייכלט פרעך די ווייט
דורך שפּאַרעס פון די ווענט.
פאַר'שכור'ט און פאַרשייט
גלעט האַרבסט מיט הוילע הענט.

די ווייסע ־זילבער־זון,
זי קושט דעם מעיפּל אויס,
די בלעטער, רויט און בראָנז,
זיי פאַלן שטיל, אָן רויש.

ס'איז קיל און פּוסט און שווער,
עס הילכן ווייטע טריט.
מיר זיצן דאָ אין סקווער,
מיר זיצן זאַלבעדריט.

דאָס שווייגן איז דאָ טיף,
די בענקשאַפט אינדערמיט,
און יעדער טרוימט פאַר זיך
זיין ניט־פאַרענדיקט ליד.

די שטאַמען שטייען שטום,
ווי שומרים פון דער צייט,
און יעדער טרוימט פאַר זיך
פון דער פאַרגאַנגענהייט.